אמא, היו לה, בכל זאת, ספקות והיא היתה אומרת, כי כל הענין נראה בעיניה מוקשה, כיון שהוא יותר מדי טוב ונעים. „האומנם אפשר לסמוך על דבריו של אותו בארון, ובכלל מדוע זה הוא כל־כך טוב אלינו? הדבר מעורר תמיהה״. ועוד — „כלום יסכימו שכנינו הגויים, כי אנו היהודים ניעשה פתאום בעלי־גנים כאלה — הן יודע אתה איזה דברים נוראים עלולים הם לעשות ואף לצאת זכאים בסופו של דבר. ידי השבורה, שאינני יכולה עד היום להזיזה, מזכירה לי את כל אלה״, כך היתה אמא טוענת. ואבא, ברוב התלהבותו, היה עונה, כי דווקא על אפם ועל חמתם של הגויים נטוע יטע את הגן והוא הלך והשיב לסוכן של הבארון הירש תשובה חיובית.

גנן מומחה הגיע והסביר לאמא בניחותא, כי הנטיעות נקבל חינם אין כסף, וגם בעד הגדר לא נצטרך לשלם, כל מבוקשם הוא להקל עלינו. גם הוא הדגיש כי הבארון הירש מעונין מאוד, שליהודים יהיו גני עצי־פרי וגני ירקות, כדי לסתור את טענותיהם של מקטרגינו ומשטינינו — כי היהודים אנשי־אויר הם והולכי־בטל. גם אמא נתפסה לרעיון. עד מהרה סומנו מקומות הנטיעה ונשתלו עצי־תפוח, עצי־אגס ועוד ועוד.

הד של פרעות

תמונות־תמונות. הנה אראה את אחי, ברל, כיצד הגיע מן המלחמה. אכן, מגויס היה ברל כחייל בצבא הצאר. שלוש שנים צריך היה לשרת והנה פרצה המלחמה היאפאנית־רוסית והוא נשאר בצבא לשנה נוספת. בהגיעו לחופשה, לבוש היה סגין ארוך ובו כפתורים נוצצים. הוא הביא עמו איזה אלפס של פח, שאליו היתה מחוברת כפית של בדיל וכל זה תלוי היה לו על החגורה של הסגין. אנחנו הסתכלנו בכך כמו באיזה פלא. כמו־כן הביא לנו אלבום יקר־המציאות, והוא עשוי משי יפאני. על שער הכריכה שלו היה נשר מגולף מעצם השנהב. דפיו צבעוניים ועליהם ציורי צפרים

נדירות, כמו־כן הביא חפיסת־תה. היה זה אחד הימים המאושרים שלנו. אבא ואמא מדושני עונג היו. בשבת הלך אחי עם אבא לבית־הכנסת והכול נהגו בו כבוד גדול והיו שוחרים לשמוע מפיו את חדשות העולם, אבל אחי מחריש היה, בדרך־כלל, ונזהר מדבר הרבה.

והנה תמונה אחרת מן הימים ההם — בשכנות אתנו גר ניסים הצבע, עם אשתו וילדיו — נערים ונערות. בנם הבכור היה בחור מוכשר מאוד, עוזר היה בידי אבי לצבוע את גיזות הצמר ואת חוטי הפשתן. הוא למד את תורת הצבעים ויעוד היה לו — להמציא צבעים שלא ידהו ע״י הכביסה או ע״י השמש. יום אחד יצא הבחור עם ניסים אביו לאחת הערים הגדולות, קייב או קישנייב, כדי לעמוד שם על תורת הצבעים ובאותו זמן הגיעה הידיעה כי בקישנייב נערכו פרעות ויהודים רבים נרצחו. בביתו של ניסים היה חושך־ואפלה — בכיות והתעלפויות. אין־זאת כי גם יקיריהם נרצחו בפרעות, והם כבר ספדו להם כמו שסופדים על המת. אי־אפשר היה לנחם אותם ולהכביר כי כל עוד, שאין ידיעה ברורה יש לקוות לטוב. והנה נתקבלה טלגרמה כי חיים וקיימים הם ובקרוב יגיעו לאורלובה. השמחה היתה גדולה וראש המחותנים היה איצ׳קה הוואזאק, אשר התנדב להביא את האורחים מתחנת־הרכבת אשר ברוז׳אנקה. הכול חפזו לראות את האורחים כאילו חזרו מעולם־האמת.

הפרעות עוררו את הציבור כי יתן את דעתו על המצב בכלל, הן פרעות מעין אלה יכולות להתחולל גם בז׳לודוק וגם באורלובה, יש איפוא להקדים רפואה למכה. קראו על־כן לאסיפה בבית־הכנסת, טיכסו עצות, והחליטו לארגן הגנה עצמית. נשק ההגנה היה, מגלבים ושוטים והכל נעשה בחשאי ובמחתרת, ואבא היה פעיל מאוד בענינים אלה. יום אחד כשאנו הילדים שיחקנו על עליית הגג, נרעשנו פתאום — מתחת לקש מצאנו את הנשק החבוי, ערמה של מגלבים ושוטים וברזלים. אחי אמרו כי דבר סודי הוא, ואין לדבר על כך, אולם אני הלכתי וסיפרתי את הכול לאמא, ובבית כבר היה „ליהודים״.

„גזלן שכמותך״, צעקה אמא כלפי אבא, „הלא לסיביר ישלחו את כולנו. ובכלל איך זה מסתירים אצלנו דברים כאלה ללא ידיעתי, אילו ידעתי הייתי משגיחה כי הילדים לא יתרוצצו שם. ועתה מי יודע כיצד יסתיים הדבר! הרי ילדים אינם אלא ילדים, והם יכולים, חס ושלום, לפטפט ולגלות את הכל; ואם הידיעה תגיע לגויים, כי היהודים עושים הכנות כאלו, הרי תפרוצנה הפרעות דווקא בשל ההכנות האלו״.

אבא הבין כי אמא צודקת ובאישון־לילה באו אנשי־מחתרת והעבירו את „מחסן־הנשק״ אל מחבוא אחר.

מורדים במלכות

הדבר שאני מבקשת עתה לספר נתרחש לאחר המהפכה של שנת 1905, אשר נסתיימה במפח־נפש, ואשר רבים רומו בה, הובטח אז חופש הדיבור וההפגנה ורבים

הלכו שולל אחר ההבטחות ושילמו על כך בחייהם. הדבר הסעיר את הרוחות והיו מתוך בני הנעורים שנתפסו לאנארכיזם ולמעשי־נקם. כל מי שלבש מדי הרשות נחשב לנציגו של שלטון־הדמים הראוי לבוז ולנקם. באותו זמן נתארע גם באורלובה מאורע, שהיה פרי המצב הזה.

בקצה העיירה, בשדותיו של הכומר, היה שטח זרוע תורמוס, שהוא צמח גבוה מאד. בוקר אחד ראינו את אנשי המשטרה והנה הם רצים אל עבר השדה הזה, יורים ומחפשים. היה זה מצוד שהם ערכו על כמה בחורים חשודים, מבני אורלובה ומעיירות אחרות; ואמנם תפסו הם שנים — אחד מהם היה שמואל׳קה פֶּשק׳ס מאורלובה, שהיה עוד נער צעיר, והשני — מיכל מהכפר הסמוך זאצ׳פיץ. הנתפסים הוכו מכות רצח; האשימו אותם, כי הם הטילו פצצה מתחת לרכבת, בה נסעה איזו אישיות חשובה מאוד...

זכור אזכור כיצד הובאו הנתפסים לשוק העיירה, כבולים באזיקי־ברזל ושותתי דם. אנחנו עמדנו מרחוק והסתכלנו, כיצד מגישים להם סיגריות מודלקות לפיהם, כיון שהם עצמם לא יכלו להושיט את ידיהם הכבולות. את שמואל׳קה פשק׳ס, שהיה עדיין נער, שיחררו מיד. אנשי הרשות נוכחו לדעת, כי צעיר לימים הוא, והימצאו בשדה התורמוס היה באקראי. זוכרת אני, כי אביו של שמואל׳קה ניגש אליו בשוק, עם שחרורו, וכיבד אותו בשתי סטירות לחי, והיו אלו סטירות דיפלומטיות — על־ידי כך ביקש להוכיח לאנשי הרשות, כי אין להם כאן עסק עם מורד במלכות אלא עם נער, שאביו סוטר לו על לחייו.

את מיכל שלחו לבית־הכלא בווילנה. העיירה שלנו היתה כמרקחה. הכול ידעו, כי יש משהו לעשות כדי לשחרר את הבחור. ואמנם בעת המשפט נסעו לווילנה רבים מבעלי־הבתים של אורלובה וכולם העידו בשבועה, כי ביום ההתנקשות נמצא מיכל בעיירה ולא ברוז׳אנקה, שם עוברת הרכבת. אבא היה תמיד מספר כיצד נערך המשפט וכיצד טרח התובע לסבך ולהכשיל את יהודי אורלובה, העדים במשפט. אך מזימותיו של הצורר לא הצליחו — והבחור שוחרר.

רב וחזן

גם באורלובה נתגלעה מחלוקת בשל רבנים ושני צדדים נחלקו בדבר. הזקנים רצו ברב זקן והצעירים והמתקדמים — ברב צעיר. אף אבי היה מתומכי הצעירים. המריבות הגיעו לידי כך, שפעמים היו מעכבים את קריאת־התורה בימי השבתות בבית־הכנסת. זוכרת אני כי התומכים ברב הצעיר התחילו להכין בשבילו דירה בביתו של ארקה הרופא, סיידו את הדירה ושיפצוה והפכוה לארמון ממש. יום אחד הגיעה עגלה עמוסה חבילות וצרורות ועליהם הרבנית — אשה יפת־תואר עם בנה. העגלה נעצרה ליד הדירה. ועתה התגייסו רבים מבין העוברים והשבים והחלו לסייע בידם להעביר את הצרורות לבית. בזכרוני נשאר חרות מראה של מיטה גדולה עשויה

ניקל, מיטה שגולות מבריקות לה ואומרות כבוד. אצלנו היו, בדרך־כלל, מיטות של עץ פשוטות; ואילו זאת, העשויה מתכת מבריקה, היתה בעינינו חידוש...

הרב היה יהודי בעל תואר ובעל מידות תרומיות והוא הכניס דברים יפים בעיירה. ביזמתו באו לאורלובה בחורי ישיבה, שהיו לומדים בבית־המדרש שלנו ובעיירה היתה פתאום איזו רוח אחרת. אחד הבחורים היה זמר נפלא; קול טנור, צלול וערב היה לו, והוא נשא לאשה אחת מבנות אורלובה, הריהי — ביילקה־מאשעס. בחור שני נשא לאשה את לאה'קה בת ליפה הזגג. רבה היתה השמחה, בעיקר במוצאי־שבת: — מתאספים היו בבית הרב ובניגון ערב היו שרים את „המבדיל בין קודש לחול". הרבנית היתה מעמידה את המיחם ומכבדת את הנוכחים בכוסות תה.

כמו בכל העיירות היה גם באורלובה, של אותם הימים חזן מקומי, יהודי שפרקו נאה וקולו ערב וצלול. הוא היה גם השוחט של העיירה והמוהל ואף־על־פי־כן — עני מרוד. היתה להם בת ושמה באַבּצ'ה והיא היתה תופרת. גם אני למדתי את מלאכת התפירה ועבדתי יחד עם באַבּצ'ה. וזוכרת אני כי אביה החזן, היה אוסף בימי הקיץ נערים ובוחן את קולותיהם, אם ראויים הם להיות משוררים, במקהלה שלו, בימים הנוראים. אנחנו היינו יושבות בחדר הסמוך ומסייעות בקולותינו לשיר. והחזן, שהיה יהודי טוב לב ונוח לבריות, היה נכנס לחדר ואומר:

„חבל, חבל, שאין אתן נערים. אילו כן הייתי לוקח אתכן למקהלה, כי מיטיבות אתן לשיר מכל הנערים שאָספתי!"

אשתו של החזן היתה טרודה כל הימים בסידור הבית ובדאגה — מה מבשלים. באַבּצ'ה הבת, היתה נערת טובת־לב וכל הכנסותיה ממעשי התפירה היתה מוסרת להוריה, אולם אמה היתה אומרת לה, אגב דמעות, כי נערה צריכה לשמור על כספה ולצבור לה נדוניה ולא למסור את כספה להוריה. ובאַבּצ'ה, אגב חיוך, היתה משיבה לאמה ברוח טובה ואומרת, כי נערה אינה צריכה כספים, רק למזל צריכה נערה והרי מזל הוא דבר שאי־אפשר לקנות אותו, ואם כך איזה ערך יש לכסף?

מלחמה פרצה

בוקר אחד הגיע אבא מבית־המדרש וסיפר נרעש מאוד, כי מלחמה פרצה. היתה זאת מלחמת־העולם הראשונה. אבא סיפר כי בשוק וברחוב כבר פורסמו מודעות־ענק, שכל הגברים מגיל 20 עד גיל 35 חייבים להתייצב בלשכות־הגיוס וכי היום אחר־הצהרים תיערך בבית־הכנסת אסיפה רבתי, בה ינאם הרב בפני כל תושבי העיירה — ומוזמנים לבוא לאסיפה גם נשים וילדים. כל יושבי העיירה באו לבית־הכנסת. אותה אסיפה לא אשכחנה לעולם.

בנאומו נפרד הרב מכל אלה שגויסו לצבא. הוא בירך אותם ותיאר בפניהם כיצד תיראה אורלובה ללא בחוריה־צעיריה, ללא אלה, שהם מגיניה ומפרנסיה,

תהילתד ותפארתה. ובעת אמרו דברים אלה פרצה פתאום יללה מכל קצות הבית. נחלי דמעות נשפכו באותה שעה ולא רק בעת נאומו של הרב, גם לאחר מכן נרגשים ומזועזעים היינו. שבנו הביתה מדוכאים ושבורים. ביתנו ידע אז משנה־יגון־ואבל — שכן באותם ימים מתה עלינו אמנו היקרה.

וכבר עומדים אנחנו בימי המלחמה ממש והנה חדשות אחרות שדחו את היגון ההוא. שלטונות הצבא החליטו להקים גשר על הניאֶמן וכל מי שמסוגל היה להחזיק כלי־עבודה נמצאה לו תעסוקה ליד הגשר. הדרכים בסביבותינו משובשות היו — דרכי עפר, ובימי גשמים הפכו הן להיות טובעניות ומקשות על הנסיעה. ליד ביתנו היו עוברות באותם ימים עגלות טעונות מוטות ברזל — חומר לבנין הגשר, והגלגלים היו שוקעים באדמה עד בלתי יכולת לזוז. יום אחד הגיעה משלחת של מהנדסים, ובנאים, בדקו את הדרכים ובאו לכלל דעה, כי תחילה יש להתקין דרך חדשה עד לניאָמן. מקרשים ומקורות־עץ, שהונחו לאורך קילומטרים, הותקנה הדרך הזאת ושוב רבתה התכונה בעיירה. מאות פועלים, מנהלים ומהנדסים הגיעו אלינו והללו זקוקים היו למקומות דיור ולצרכי־קיום שונים. כל בית באורלובה הפך להיות פונדק ומסעדה. משפחות היו משכירות חדרים, מבשלות ומכבסות ומפיקות רנחים. מהחזית הג׳־צוג׳ ידיעות כי הגרמנים מתקיפים ומגלים כוח, בכל־זאת האמנו כי כוחם של הרוסים גדול יותר. יעברו כמה ימים והם יראו לגרמנים את נחת־זרועם.

הגשר עמד בעצם בנינו, הכול נתון היה בלהט המלאכה, והנה הגיעונו קולות־שאון משונים. תחילה סברנו, כי תכונת העבודה היא על הגשר. אך עד מהרה נתברר לנו כ־ החזית מתקרבת אלינו וכי הקולות הנשמעים — הרעשות תותחים הן. מיום ליום תכפו הקולות והלכו. פעולת הדואר נשתבשה, המכתבים מבני העיירה המגויסים נעשו נדירים, וכך עברה עלינו שנה אחת במלחמת־העולם הראשונה. עתה ניתן לנו לראות את החילות הרוסים בנסיגתם. לילה אחד שמענו דפיקות בדלת. שכנתנו ינטה־שייעס ובתה איטקה נכנסו אלינו כשהן לבושות בבגדים מרופטים; הן אמרו כי במתכוון התלבשו כך, כדי להיראות מכוערות וזקנות יותר, כיון שהפחד מפני החיילים הנסוגים היה גדול.

שרויים היינו בפחד־תמיד, יראים מפני צל עצמנו. והנה הגיע ראש־השנה ובבית־הכנסת מעטים היו המתפללים. רבים מיהודי העיירה ברחו לרוסיה. חיילים נסוגים היו נכנסים לבית־הכנסת — מהם שהסתכלו בנו מתוך זלזול, ומהם שהיו מצטלבים מתוך יראת־הכבוד. בבתים שעמדו ריקים מיושביהם התאכסנו חיילים, החצרות היו מלאות עגלות שבורות וסוסים כושלים, החיילים עיפים וזועמים; מפעם לפעם היתה דלת ביתנו נפתחת והם היו נכנסים ומבקשים לחם ומים. משנקלע אלינו חייל יהודי היה אומר, כי ניטיב לעשות אם ניחבא, מאחר שהכול מאשימים את היהודים במלחמה זו וטובה אינה יכולה לצמוח מכך. החיילים היו שודדים ובוזזים, או ששילמו בעד המצרכים בפתקאות, שהם עצמם היו רושמים.

יש לנסוע לז׳לודוק

כך הגיע יום־הכיפורים — אבא לבש את הקיטל הלבן והלך לבית־הכנסת ואני נכנסתי לביתה של רחה מאַלי, שכנתנו. פתאום שמענו דפיקות. משפתחנו את הדלת, נכנס חייל שידו חבושה והוא אמר, כי הכיר לדעת שזה בית יהודי, כי הוא לא נכנס אלא להזהיר אותנו כי נכבה מיד את כל האורות, כיון שהגרמנים הראשונים כבר נכנסו לעיירה. נבהלנו מאוד ועשינו כמצותו. יצאתי החוצה וראיתי כי כל העיירה מוארת באור גדול. תחילה חשבנו כי דליקה נפלה בעיירה. משבאו הגברים מבית־הכנסת נודע לנו מפיהם, כי לא העיירה אלא הגשר הוא הבוער.

החייל היהודי הפצוע נשאר בביתנו ואבא הזהיר את כולנו, כי הדבר כרוך בעונש גדול. הערנו את החייל וגילינו לו את חרדתנו. הוא ביקש כי ייתנו לו בגדים אזרחיים; הוא החליף את בגדיו וישב לשוחח עם הגברים כאחד מאתנו. עבר עלינו לילה של סיוטים, בבוקר יצאנו לרחוב ומצאנו פצועים קשה ואף הרוגה אחת. אבא הציע כי נעזוב את העיירה, גם דעתו של החייל הפצוע היתה כך. ושוב בא איצ׳קה עם סוסיו ועגלתו, עליה התקין מעין כילה למחסה, בעגלה כבר נמצאו בני משפחתו של איצ׳קה.

„לאן נוסעים?״ שאל. ודעת כולם היתה כי יש לנסוע לז׳לודוק. בשבילי עקיפין יצאנו. איצ׳קה במרכז וכל היהודים הולכי־הרגל מסביבו. מפעם לפעם נוספו יהודים וכל התהלוכה שלנו דמתה ללויה. כך עשינו את דרכנו, ציבור שרובו נשים, עד שנכנסנו לז׳לודוק ממש. בעיירה שלט שקט גמור, איש לא נראה ברחוב. כאן נתפרדנו — כל אחד הלך אל מכיריו או אל קרוביו שבעיירה.

אנחנו הלכנו לבית קרובינו הביילסקים. אולם בבית לא מצאנו איש. פתאום ראינו אחת מבנותיהם באה אלינו בריצה. מפיה נודע לנו כי כל בני העיירה עזבוה והם נמצאים עתה בבית־הקברות, מסתתרים הם בין המצבות. הכול ברחו מן הבתים מפחד הקוזאקים. השמועה אמרה, כי שוחטי־אדם הם. לא אָרך הזמן ובני משפחת הביילסקים הגיעו ממסתורם והם טרחו לקבל אותנו בסבר־פנים־יפות, הרתיחו מים והכינו תה לשתיה. כולנו עיפים היינו וכל משאת־נפשנו — לנוח. שכבנו על רצפת החדר ועד מהרה נרדמנו.

בבוקר השכם העירה את כולנו אסתר־רייז׳קה האלמנה מליפניצה, שבאה אתנו מאורלובה, ועמה ילדיה. אסתר־רייז׳קה סיפרה כי השכימה הבוקר לקום ובצאתה החוצה ראתה כי הגרמנים ישנם בז׳לודוק. עכשיו, אין היא באה אלא לבשר לנו בשורה טובה — כי הגרמנים, אנשים נחמדים הם, כי הם דיברו אליה באדיבות רבה ואמרו לה „ליבע פרוי״ ואפילו התנשקו אתה וכי הם מדברים כמעט יידיש. אסתר־רייז׳קה היתה ברקיע השביעי, ואבא בשמעו את סיפורה הנרגש אמר בעצב:

„הלואי, ריבונו של עולם, שכל דבריה אלה יתאַמתו״.

הצפיפות בבית היתה רבה. יודעי דבר באו וסיפרו כי הגרמנים כבר נמצאים בכל

מקום, כי הם מאירי־פנים דווקא. אם כך, נשאלה השאלה: מה יש לשבת בז׳לודוק? והכול החליטו לשוב הביתה.

מכת הגרמנים ומכת הזבובים

הגענו לאורלובה יום לפני חג הסוכות. ביתנו עמד אמנם על תילו, אך כולו היה שחור מעשן ומפיח, הזגוגיות מנופצות והזוהמה רבה. השולחן והספסלים היו שרופים. לעריכת מדורה, לשם בישול וחימום השתמשו הגרמנים ברהיטים. לא בתנור הבעירו את האש, אלא על רצפת־העפר. אחי יצאו למצוא קרשים ולוחות, ויחד עם אבא החלו להקים את הסוכה. עיקר מזוננו — תפוחי־אדמה שהשדות היו גדושים בהם.

פקדה אותנו מכת הזבובים. זבובי־מוות גדולים וכחלחלים פרו ורבו באותו זמן; מכסים היו את גויות ההרוגים שהתגלגלו בשדות ומילאו את האויר זמזום טורדני. לא היה לנו מנוס מהם — חסרנו אמצעים סאניטאריים ומצרכי מזון, פרט לתפוחי־האדמה. כבר גמרנו להתקין את הסוכה, הכנסנו בה שולחן וספסלים ועל השולחן פרשנו מפה לבנה; גם נרות מצאנו והדלקנו, והיתה הרגשה של חג. הגרמנים הניחו לנו בינתים, יותר מדי שטופים היו בנצחונותיהם. — עיפים מרדוף אחרי הרוסים, שיכורים מכל הנכסים שנפלו בידיהם — שדות ויערות, עדרי צאן ובקר. כולנו מלאי תהילה היינו לגרמנים מאירי־הפנים. שבת־של־חג אחת יצאו יהודים מבית־הכנסת והלכו הביתה עקב בצד אגודל כנאה ביום חג, מדברים היו בשבחם של הכובשים. והנה בא לקראתם גרמני אחד ששאל לנפח, צריך הוא לפרזל את סוסו. אולם מאיר־משה הנפח, שאינו רוצה לחלל את יום החג והשבת, מוצא תחבולה — ומשיב לו דווקא ברוסית: „ניע פאַניעמאיו!" כלומר: אינני מבין. החייל כבר יוצא מכליו ומתחיל להכות את מאיר־משה. היהודים השבים מבית־הכנסת ניסו להסביר לגרמני, כי שבת של חג היום, כי הנפח יהודי דתי וחסיד הוא, ואי־אפשר לו לעבוד בשבת — כך טרחו אבי וליפה הזגג... ולשוא — הגרמני כבר צועק: „יהודי ארור!" ומצווה לפתוח את המפחה, ללבּות אש ולהתחיל בפרזול. ולא היתה ברירה למאיר־משה והחג כבר היה מחולל. גם שאר הגרמנים שנתקהלו, אמרו כי מזועזעים הם מהחוצפה של היהודים ההולכים מן „הקירכע" שלהם בניחותא דווקא, כאילו אין מלחמה בעולם... ולא רק מזועזעים היו, אלא גם החלו להכות ביהודים כך סתם וללא סיבה.

„יש ללכת מהר מהר!" צעקו הגרמנים. „יש ללכת כל אחד בנפרד! מהר מהר ובנפרד!"

מכת הזבובים הלכה והחמירה מיום ליום. מגפה פרצה, והמוות החל את קצירו. רופא לא היה באורלובה. אם פגעה במישהו המחלה, היה דינו מוות. והנה חלה קרוב משפחתנו, שמעון, סבלו היה נורא. באותם ימים פגשתי נוצריה מאחד הכפרים ומשנודע לה על מחלתו של שמעון היא אמרה לי: „הן הכרתי את אמך, אני רוצה

לעזור לך, יש לי אמצעי למחלה — חמאה. בואי אלי לכפר ואתן לך את החמאה, תמסמסי אותה על האש, עד שתהי במצב של נוזל ואת השומן הזה תגמיאי לנער".

עשיתי כמצות הכפריה ואָמנם הוטב לנער. לא תמיד עזר המזור שהותקן מהחמאה הממוסמסת, אך הוספתי להסתייע בה. קיבלנו הוראות להרתיח את המים, לרחוץ את הידים במים רתוחים, לשפוך סיד בכל מקום שרטיבות בו. להישמר מכל דבר זוהמה, וכך נמנע מזבובי המוות להתרבות. בכפרים מתה מחצית האוכלוסיה כמעט, בילדים פגעה המגפה יותר מאשר במבוגרים. אסורה היתה ההליכה לבתים, שם נמצאו חולים וכן לבית־הקברות. מלוי הנפטרים מעטים היו — שנים או שלושה בלבד. היה זה סיוט איום, שנמשך עד אשר הגיעו ימי הקור. במשפחה אחת מתו כל חמשת הילדים ואף אם־הילדים. האב שנותר בחיים, נשתבשה עליו דעתו, מרוב צער.

רעב ומגיפות

מאחורי אורלובה היו אֲמבּרים של תבואה, שהיתה שייכת לכל האיכרים. היה זה מלאי זרעים שמור להם למקרה של רעב או בצורת. שומה היה על כל איכר להפריש כמות גרעינים מסוימת לאמברים אלה. בכל סתיו היו מביאים גרעיני שיפון, שעורה, כוסמת ועוד ובאביב היו מקבלים בחזרה את שיעור פקדונם. כך היה המנהג שנים רבות והאַמברים האלה היו בבחינת טאַבּוּ האסורים בנגיעה. מה נרעשתי בוקר אחד בראותי כי המחסנים פרוצים ואנשים נושאים שקי תבואה. הרעב היה גדול. אמרתי איפוא לנערים, כי יקחו שק וילכו אף הם להביא מעט גרעינים — להחיות בהם את נפשנו. אחי היה נוטל שקית ויוצא מדי פעם ומביא מעט גרעינים, וכך מילאנו חבית גדולה, שהיתה מיועדת בימי שלום להחזקת המצות בחג הפסח. המלאי הזה שמור היה בבית והחרדה גדולה היתה, פן יבואו הגרמנים וימצאוהו. את הגרעי־נים היינו טוחנים במטחנת־יד שהיתה מותקנת מאבני־ריחיים והמלאכה היתה קשה מאד.

ולא רק הרעב וזבובי־המוות, ידענו גם את מגיפת ה„פלעניקעס", כלומר השבויים, שנפלו לידי הגרמנים והיו עורקים מן השביה ומתחבאים ביערות. רובם צוררי היהודים. בלילות ואף בצהרי־הימים מתנפלים היו — שודדים ורוצחים, אפילו צבא הכובש פחד מפניהם. הגרמנים היו באים לכפרים ומפקיעים את רכוש האיכרים— תרנגולות, ביצים, דברי חלב וכו' — לצרכיהם במקום ואף למשלוח לגרמניה.

לילה אחד באו העריקים, אנשי־היער אל יהושע הנגר, קשרו את עיניו ואמרו כי אינם מתכוונים לעשות לו כל רע, רק לוקחים אותו למקום כלשהו למען יעבוד למענם. בני משפחתו שרויים היו בחרדה גדולה, סבורים היו כי לא יוסיפו לראותו. מקץ שלושה שבועות הוחזר יהושע. הגרמנים פתחו בחקירות היכן היה. אך יהושע

טעז, כי מאחר שעיניו קשורות היו אין הוא יודע, היכן הובל על־ידי החוטפים. רק אחת ידע, כי אל מעמקי יער הובא.

החזית כבר נתרחקה ועכשיו נתרגשה גזרה חדשה — כל ילד חייב ללמוד גרמנית. חוק הוא! הדעת לא היתה נתונה לכך, בתלאות החיים המרובות, אך הם לא וויתרו ובמגלבים היו מבהילים את הילדים לבתי־הספר שלהם. אצלנו, למשל, היו שלושה ילדים שעליהם חלה חובת הלימוד בבית־הספר. לא היה מי שידאג בבית לצרכינו, וכן היה גם בשאר בתים. הגרמנים הביאו מורה יהודיה, בתו של החזן משצ׳וצ׳ין, טייבל היה שמה. וטייבל, שהתגוררה אצל יהושע הנגר, הסבירה לגרמנים כי ילדים רעבים אי־אפשר ללמד. מעתה החלו לחלק מנות־לחם דלות לילדים.

בוקר אחד עמדתי וכד בידי סמוך למחלבה של הגרמנים וחיכיתי בתור לקבל קצת חלב רזה, שהם היו מוכרים בשני פניגים הליטר. כסף לשלם בעד החלב לא היה לי ואני עמדתי ובכיתי. ראתה אותי כפריה אחת ושאלה לסיבת הבכי. ואני סיפרתי לה כי אחי נמצאים עתה בבית־הספר, כי אף אני חייבת להימצא שם, אבל באתי לכאן להשיג קצת חלב־טפל וכסף לשלם בעדו אין לי, הרעב מציק והפחד מפני העונש שצפוי לי על היעדרי מהלימודים גם הוא גדול, וכיצד לא אבכה?

הכפריה ניחמה אותי וביקשה, כי אבוא לביתה שבכפר פרטשים, לתפור סינור בשביל בתה הקטנה. והיא הבטיחה לי לתת לי אוכל די־צרכי. וכך נעשיתי מפרנסת הבית. בוקר־בוקר הייתי רצה לכפר עם חוטים ומחט ומספרים למלאכת התפירה. אפילו בגדי גברים למדתי לתפור. התמורה בעד מלאכתי היתה — גריסים, תפוחי־אדמה, קמח, ועוד מצרכים; וטייבל, מורתנו היקרה, ידעה על כל אלה והיא היתה מלמדת אותי גרמנית בביתי בשעות הפנאי שלי.

ביום ו׳ אחד בבואי מעיסוקי־התפירה שלי, ומצב רוחי טוב, מאחר שהבאתי מצרכי־מזון רבים לשבת, עמדתי לחפוף את ראשי ולהתרחץ. והנה נשמעו דפיקות חזקות בדלת. הצצתי בעד החלון וראיתי כי הדופק הוא הגרמני הקורא לעבודה והמאיץ ללכת ללמוד. נבהלתי מאוד ולא מיהרתי לפתוח את הדלת. הוא הגביר את צעקותיו ואת קריאות הגידוף. בעת חפיפת הראש החזקתי בידי מראָה, אך מרוב בהלה נפלה המראָה על הרצפה ונשברה. הגרמני לא פסק מגדף ומדפוק. משפתחתי סוף־סוף והוא נכנס הביתה וראה את המראָה השבורה נתרתח עד להשחית והחל להכות אותי במגלב שבידו ולצרוח:

„את, יהודיה ארורה, לעבודה אינך הולכת, ללמוד אין את הולכת ורק מראות יקרות־ערך יודעת את לשבור!״

והוא התכופף לארץ, בחמתו, והרים חתיכת זכוכית גדולה והטילה כלפי. מזלי כי הצלחתי להתכופף בעוד־מועד והזכוכית לא פגעה בי. הוא החל להצליפני במגלב, ואני התחלתי לצעוק בקולי־קולות. אין זאת כי הוא נבהל מצעקותי ויצא מן הבית.

והנה גם מעשה באבי, ששב מן החוץ בחפזה רבה, חיור ונושם בכבדות. בכנף מעילו החזיק כמה תפוחי־עץ, ואמר אלינו:

„ילדים, הסתירו את זה מהר, מהרו והסתירו, כי גרמני רודף אחרי. מיד ייכנס וירצה, ודאי, לקחת את התפוחים".

אני הזדרזתי והסתרתי אותם במקום כלשהו. הביתה נכנס מיד גרמני והחל להכות את אבא ולצעוק: „אתה יהודי זקן וארור, כיצד זה העזת לקטוף תפוחי־בוסר מן העץ!" התחלנו לצעוק ולבכות והחייל בראותו את כל זה ירק בכעס על הרצפה ויצא מן הבית. עכשיו נרגע אבא ואמר:

„ילדים, קחו את התפוחים ותבשלו אותם, אין־דבר, כדאי היה לספוג את המכות, בשלו את התפוחים ואכלו. מה לעשות, יקירי? לחם אינני יכול לתת לכם. אין איש שירצה עכשיו ללמוד תורה, אכלו ילדים את התפוחים האלה ושיהיה לכם לבריאות!"

מגיפת הטיפוס פשטה והלכה. גם את בני ביתנו פקדה ואני הייתי המטפלת היחידה. תחבושות קרות, זאת היתה התרופה. הקשר בין הבית והחוץ ניתק. מים היה מביא לנו בחור אחד ששמו „איצ׳קה דער געלער". לב זהב היה לאיצ׳קה זה. מעמיד היה את דלי המים ליד הבית, דופק בדלת ושואל: „נו, מה שלום הנערים?" עד שיום אחד בא איצ׳קה ודפק ושאל ולא קיבל תשובה. כי גם אני נפלתי למשכב. עתה הגיע יושקה, בנו של נחום הבלן, הביא עגלה ואת כולנו העבירו לבית־החולים בז׳לודוק.

ששה שבועות שכבנו בבית־חולים זה. אותי גזזו, עד כי נראיתי כמו נער והאחות היתה אומרת: „אם יבוא אבא שלכם לבקרכם, הוא לא יכיר ולא ידע מי כאן הבן ומי הבת". מסירות־נפש ממש גילה יושקה, בנו של נחום. משהוטב לנו שוב הגיע לז׳לודוק ולקח אותנו הביתה, באחד הימים מצאוהו נרצח בדרך. ותהיינה שורות אלו נר לזכרו.

הגרמנים היו מוציאים את כל טוב הארץ ומעבירים לגרמניה — עצי יער למכביר היו כורתים, פרי שדה וגן, תנובת הרפת והלול — הכול לגרמניה. חוטפים היו אנשים לעבודות־כפיה. את אנשי מקומותינו שלחו הרחק מאתנו ואלינו היו מביאים עובדי־כפיה ממרחקים.

חורף אחד הובאו לסביבתנו הרבה צעירים וצעירות מלודז — יהודים ונוצרים. מחנה־העבודה שלהם היה בכפר זצ׳פיץ הסמוך. יחסי ידידות נתרקמו בינינו לבין צעירים אלה, שרבים היו בהם המשכילים והמתקדמים. בעזרתם אירגנו להקה דרמתית והתחלנו להעלות הצגות. עסוקים היינו בחזרות להצגה „דער ישיבה בחור". ואף לי ניתן תפקיד. הימים היו לפני חג הפסח ואנחנו התגייסנו להשיג מצות בשביל עובדי־הכפיה היהודים. ואמנם היה לנו יחד אתם פסח שמח מאוד...

עברו ימים והגרמנים עזבו את מקומותינו והפולנים באו תחתם וצרות חדשות התרגשו על היהודים — מכות וגזיזת זקנים, אך ימי השלום כבר מישמשו לבוא. הקשר עם ארצות־הברית חודש — החלו להגיע חבילות של מזון ומלבושים והם היו לנו מעין־ישועה ממש. לאחר זמן־מה יצאה משפחתנו מאורלובה והיגרה לארצות־הברית.

זכרונה של אורלובה נשאר תמיד חרות בנו, ועל־אף הפגעים שידענו בה זכרנו אותה כחיק ילדותנו — בגעגועים רבים. עד אשר הגיעתנו בשורת־הכליון. והלב פצוע ושותת ואין מרפא לכאבנו.

גיטל פאָמעראַנץ

מיין שטעטעלע, אָרלאָווע

בלויז איין און איינציקע גאס איז געווען אין מיין געבורטס שטעטל אָרלאָווע. אין מיטן גאס אַ בריקל פון האָלץ. און אונטער אים אַ פליסיקע טייכל וואס איז געלאָפן גיך־שנעל אריינגיסן זיך אין גרויסן ניעמען. פון פון דעם זייט בריקל איז געלעגן „אונדזער גאַס”, און פון יענעם זייט — „זייער גאַס” — דאָס הייסט: די גוישע. צוויי שולן און אַ באָד, אַ קלויסטער, און א פאַזשאַרנע, — יידן מיט קריסטן האָבן דאָ געלעבט אין שכנות, געאַרבעט און געהאַנדלט. צווישן יידישע בעלי־מלאכות האָסטו געטראָפן שוסטער, שניידער סטאָלאַרעס, פליטניקעס — די פליטן וואָס זיי פלעגן בינדן האָט מען געשיקט מיטן ניעמען ווייט־ווייט אין דייטשלאנד. פרנסה האָט ניט געפעלט און יידן זענען דאָ געווען גאנץ פארמעגלעך. מען האָט געשטאָפּט גענדז און ווינטער, חנוכה צייט — איז געווען פלייש און גענדזן־שמאַלץ.

יידן האָבן געלעבט פון גויים — געקויפט און פארקויפט. מ׳האָט געגייט פאר זיי פעלצן, שטיוול און פארשידענע מלבושים. שמידן האָבן גשמידט זייערע פערד, און פויערים האָבן געצאָלט מיט געלט אָדער מיט פראָדוקטן פון זייער ווירטשאַפט.

זונטיק פלעגן הילכן די קלויסטער גלאָקן איבערן שטעטל. פויערים פון אלע ארומיקע דערפער זענען געקומען אין אָרלאָווע צו זייער גאָטעס־דינסט, און מיטאָג צייט, ארויסגייענדיק פון קלויסטער, האָט מען זיך אוועקגעלאָזן איבער די יידישע קראָמען. מ׳האָט געקויפט שניט־וואַרג, געבלימלטע פאטשיילקעס, זאַלץ און הערינג און דאס גלייכן. שיקסעס פלעגן יעצט באזוכן יידישע שניידערקעס. מ׳האָט געמאָסטן און גענייט.

ווינטער פאַר זייער יומטוב ראָזדשעסטוואָ פלעגן די פויערים זיין ווי עפּעס אנגעצויגן, זיי האָבן דאָך געגלויבט אז יידן זענען שולדיק אין טויט פון זייער משיח, און ווער עס האָט פארגעסן פון דעם גאנצן עניין האָט דער גלח אין צערקווע אים דערמאָנט. פויערטעס וואָס האָבן זיך באשעפטיקט מיט שפינען און וועבן, זענען געקומען אין אָרלאָווע קויפן קאָלירטע פעדים פאר זייער ארבעט, אָדער פאַרב כדי צו פאַרבן די פעדים, יעדער איינע לויט איר געשמאַק. אַ סך פון זיי פלעגן אָנקומען צו דעם יידישן פאַרבער וואָס האָט געלעבט אין אָרלאָווע.

די שטוב פון מיינע עלטערן, ווי אלע אנדערע הייזער, איז אַ הילצערנע געווען. אויך די מעבל זענען פון האָלץ געווען — טישן, בענק און בעטן. אין יעדער שטוב איז געשטאַנען אַ גרויסער אויוון. די פּאָדלאָגעס זענען אמערסטן ערדענע געווען. אין אייניקע הייזער זענען געווען די דילן הילצערנע; דאָס רוב דעכער, פון שטרוי. פלעגן זיך טאַקע שריפות צופלאַקערן גאַנץ אָפט. די שטעטל האָט אויך געהאַט צוויי מויערן — שמעון דעם נגידס מויער, און הינדע בערעס מויער. דער לעצטער האָט שוין געהאַט אַ פּאַק יאָרן אויף זיך. איז ער טאקע ווי אויף הינערשע פיסלעך געשטאַנען און אין אַ ליכטיקן פרימאָרגן האָט ער זיך איינגעבראָכן.

מיין טאטע האָט זיך גערופן אין שטעטל משה דער מלמד, און מיין מאמע — ציפע־ריווע. אַכט קינדער האָבן זיי געבראַכט אויף דער וועלט. ווען די יינגלעך פלעגן עלטער ווערן פלעגן זיי אוועקוואַנדערן אין דערווייטנס, כדי צו לערנען אין די ישיבות. מ׳האָט געלערנט אין אָרעמקייט, און מ׳האָט זיך אויסגעהאַלטן דורך עסן „טעג”.

אויך ביי אונדז אין שטוב איז געווען אַ גרויסער אויוון מיט אַ פּריפּעטשאָק און מיט אַ קאַטוך פון אונטן, פאַר הענער און הינער. צוויי פענצטער מיט אַ פענצטערל האָט פארמאָגט אונדזער הויז. דאָס פענצטערל וואָס איז געווען איבער מיין בעט, געדענק איך זייער גוט. איין פרימאָרגן, ליגנדיק אין בעט האָב איך פלוצעם דערזען אַז זיין שויב איז רויט געוואָרן. ליגנדיק אזוי פאַרוווּנדערט פון זיין רויטקייט, האָב איך באַלד דערהערט קולות און געשרייען. עס האָט זיך ארויסגעוויזן אז די הויז פון מיין פעטער, נחום יודל, שטייט שוין אין פלאמען. מיר האָבן אלע פארלאָזן אונדזער הויז און ארויס אין די פעלדער. דער פייער איז סוף־סוף איינגעלאָשן געוואָרן, אָבער מיין פעטערס הויז איז אוועק מיטן רויך. מיין פעטער איז געווען אַ מטופל מיט קינדער. אויף מאָרגן איז ער געקומען צו אונדז בעראטן זיך, וואס הויבט מען אָן צו טאָן נאָך דער שריפה, ווו קלייבט מען זיך אריין? דער טאטע האָט פאָרגעלייגט אַז מיין פעטער זאל פארלאָזן אָרלאָווע, און אוועק גיין אין אמעריקע, אין דער גאָלדענער אמעריקע. און מיין פעטער האָט טאקע אזוי געטאָן — געזעגנט זיך מיט ווייב און קינדער און אוועק אין דער ווייטער וועלט זוכן זיין גליק. די מומע האָט געדונגען אַ צימער און איז געזעסן מיט איר פאַמיליע און געוואַרט אויף בריוו און אויף דאָלארן. דערווייל האָט זי געמאַכט אַ גאָרטן אויפן פּלאַץ, ווו זייער הויז איז געשטאַנען. זי האָט געזייט און געפלאַנצט און ... געוואַרט אויף גוטע בשורות פון דערווייטנס. דער טאטע פלעגט בכלל ליב האָבן צו שרייבן שיינע בריוו. אַ סך פון אָרלאָווער איינוווינער פלעגן קומען צו אים, ער זאָל זיי סטיליזירן זייערע בריוו. און יעצט איז ער געוואָרן דער הויפּט שרייבער פון מיין מומעס בריוו אין אמעריקע.

דער טאַטע האָט זיך גערעכנט אַלס אַ גוטער מלמד. מיט ליבשאַפט האָט ער געטאָן זיין אַרבעט. און איך, אלס קינד, האָב מער פון אלץ ליב געהאַט צו הערן, פרייטיק, דעם זיסן ניגון פון דער הפטורה, וועו זיינע תלמידים פלעגן מעביר זיין די סדרה. ביז היינט גיי איך אויס צו הערן שבת׳דיקע און יומטוב׳דיקע ניגונים, און איך בין זיכער אז די ליבשאַפט איז אין מיר פארבליבן פון יענע קינדער יאָרן.

דער שבת אין שטעטל האָט זיך אויסגעצייכנט מיט עפּעס אַ באַזונדערן קאָלאָריט, מיט עפּעס אַ באַזונדערן חן. די שבתדיקע קליידער, דער קוגל און טשאָלנט. דער צימעס מיט דער קישקע — אפילו די אלע מאטעריעלע איינהייטן, האָבן עפּעס צוגעגעבן גייסטיקייט. נאָך מיטאָג איז דער יוגנט געגאַנגען אין וואלד שפּאַצירן — מיידלעך מיט יינגלעך, מען האָט זיך געאַמפּערט און דעבאַטירט, — ציוניזם און סאָציאַליזם — חלוצים אין ארץ־ישראל — דאָס זענען געווען די טעמעס. איך געדענק מיט בענקשאַפט די ווינטערדיקע גליטשערייען אויפן טייך. אויף קאָנקעס און שליטעלעך. און אפילו מיט די איינפאכע שיך. אָט פאלט איינער אויפן אייז און אלע וואָס לויפן נאָך אים פאלן אויך אין איין גרויסע קופּע, און מען לאַכט און מען איז פראַסטיק־צוברענט פון דעם שטרויכלונג. אין זומער־טעג גייטמען שבת נאָך מיטאָג אין וואלד — מ׳פּאַרוואַרפט אַ שטריק אויף איינע פון די ביימער, און די שטריק ווערט אַ הוידע. הוידעט מען זיך ארויף און אַראָפּ. אויב אַ ריס האָסטו דערזען, איז אויך ניט געפערלעך מ׳וועט דאָס שוין פארלאַטען ווי עס איז, אַז די מאַמע זאָל ניט באמערקן.

אַ שכן האָבן מיר געהאַט — דאס איז געווען איצ׳קע דער וואַזאַק. זיין פרוי האָט געהייסן שרה־העשקע — און אין שטוב זענען געווען, ווי דער שטייגער, אַ סך קינדער. אונדזער איצ׳קען געדענק איך ספּעציעל, צוליב עפּעס אַ געשעעניש וועלכע איך וויל דערציילן.

דאָס איז געשען אַ שבועות־נאַכט, ווינטער איז דאָס געווען. איך זיץ מיר אַליין אין שטוב און קוק ארויס דורכן קליין פענצטערל, וואַרטנדיק אז דער טאַטע און די מאַמע זאָלן שוין קומען פון מעריב דאַווענען — אָבער דאס פענצטערל איז פארפראָרן. און אָט זענען זיי טאַקע געקומען. די מאמע האָט איינגעהייצט דעם אויוון און איך מיט מיינע ברידערלעך זיצן און וואַרעמען זיך ביים פייער. דער טאַטע איז ארויס פון שטוב, דאַכט זיך האָלץ ברייגגען, און ער האָט זיך עפּעס פארזאַמט. איז די מאַמע אומרואיק געוואָרן און איז אויך ארויס פון שטוב. פלוצעם האָבן מיר דערהערט דער מאמעס געשרייען:

„זיי וועלן דיר דערהרגענען, גיי ניט, משה, זיי וועלן דיר דערהרגענען!״

זענען מיר קינדער ארויסגעלאָפן צושראָקענע און צוטומלטע פון שטוב

און אַ שרעקלעכע בילד האָט זיך פאַר אונדז אַנטפּלעקט — עטלעכע גויים שלאָגן דעם טאַטן מיט שטיקער האָלץ. דער טאַטע איז אײַנגאַנצן פאַרגאָסן מיט בלוט, די מאַמע שטייט אַ בלייכע און אַ פאַרוויינטע און קרעכצט מיט אירע לעצטע כוחות: „אָ די האַנט די האַנט". פון דער ווייטן אַנטלויפט איצ׳קע דער וואַזאַק, און די גויים לאָזן איבער דעם טאַטן מיט דער מאַמען און יאָגן זיך נאָך איצ׳קען, און מיר קינדער שטייען און שרייען צושראָקענע און צוטומלטע.

שכנים זענען צוזאַמענגעלאָפן. מען האָט צעריסן אַ ליילעך, פאַרבאַנדאַזשירט דעם טאַטן די קאָפּ. דער מאַמעס האַנט איז געווען צובראָכן און מען האָט קיין הילף איר ניט געקענט געבן. קיין דאָקטאָר איז ניט געווען אין אָרלאָווע. איצ׳קע דעם וואַזאַק האָבן די גויים ניט באַוויזן צו כאַפּן ווייל ער איז שטאַרק און פלינק געווען, און טרעפנדיק דעם טאַטן און דער מאַמען האָבן זיי אויסגעלאָזן די גאַנצע רציחה צו זיי. און אָט איז אויך איצ׳קע געקומען.

דערזעענדיק די לאַגע האָט איצ׳קע געזאָגט, אַז ער שפּאַנט גלייך זיינע פערד און ער פירט דעם טאַטן מיט דער מאַמען אין זשעלודאָק. „דורך אייך בין איך געראַטעוועט געוואָרן", האָט איצ׳קע געזאָגט, „און איצטער מוז איך אייך ראַטעווען". ער האָט אָנגעלייגט אַ שליטן מיט וואַרעמע מלבושים און איז אוועקגעפאָרן מיט די פאַרוואונדעטע אין זשעלודאָק. מיר קינדער זענען געבליבן פאַרוויינטע אין שטוב; שכנים זענען געקומען אכטונג געבן אויף אונדז. אויף מאָרגן איז געקומען איצ׳קע מיט אונדזערע עלטערן. דער מאַמעס האַנט איז געווען אין גיבס, און אויפן טאַטענס קאָפּ זענען געווען ווייסע און פאַרקלעפּטע באַנדאַזשן. מענטשן האָבן געזאָגט אַז מען מוז רעאַגירן און אָנקלאָגן די גויים אין געריכט.

האָט זיך יעצט אָנגעהויבן אַ פּרשה פון קלייבן פאַקטן, און שרייבן בקשות, יעדעס מאָל עפּעס אַן אַנדער בקשה. דריי מאָל האָט מען אָפּגעלייגט דעם משפּט צוליב אַן אַנדער תּירוץ. דער סוף איז געווען, אַז זייערע דיינים האָבן ערקלערט אַז די גויים זענען נעבעך געווען שיכור, און אַ שיכורער איז דאָך ניט פאַראַנט־וואָרטליך פאַר זיינע מעשים. אָבער די פראַגע איז ניט זייערע מעשים, נאָר ווו האָבן די גויים געקויפט זייער שנאַפּס?.. און ווי באַלד אַז גויים האָבן זיכער געקויפט זייער שנאַפּס ביי יידן, זענען טאַקע די יידן שולדיק אין דעם גאַנצן ענין.

אָבער ניט נאָר אומעטיקע עפּיזאָדן געדענק איך, אויך פריילעכע און ליבליכע זענען געווען. אזוי ווי מיין פעטער, נחום־יודל פון אמעריקע, האָט געוואָלט אַראָפּברענגען צו זיך זיין עלטערן זון. האָט ער פאַרקויפט דעם גאָרטן פון זיין הויז מיין ברודער און שוועסטער וועלכע זענען אויך געווען אין אַמעריקע. דאָס הייסט זיי האָבן עס אָפּגעקויפט פאַר אונדז. אין אַ גוטן פרימאָרגן האָבן מיר

באקומען די ידיעה פון אמעריקע, און אונדזער איבעראשונג איז גרויס געווען — פלוצעם זענען מיר ממש גבירים געוואָרן. די פרייד איז ניט פאָרצושטעלן. „אָט וועלן מיר ווערן ערד ארבעטער״, האָט דער טאַטע געלויכטן פון ענטציקונג און האָפנונג.

דאָס אליין איז אַ באַווייז, אַז די רייד פון אונדזערע שונאים, אז יידן האָבן ליב נאָר האַנדל־וואַנדל און האָבן פיינט צו ארבעטן, זענען ניט מער ווי האַס און שנאה. אפילו דער טאטע האָט יעצט באוויזן ליבשאַפט צו דער ארבעט, ליבשאַפט און אויך פעאיקייט, וועלכע שטעלן אוועק אין שאָטן די אלע פוסטע רייד. איך געדענק ווי דער טאַטע און די מאמע פלעגן ארויסגיין אין גאַס, כדי צוזאַמענקלייבן דעם אָפפאַל פון די פערד און קי, און מיט דעם באַמיסטיקן דעם גאָרטן. איין העלפט פון גאָרטן איז פארזייט געוואָרן קאַרטאָפל. די צווייטע העלפט — קאָרן. די גערעטעניש איז געווען זייער גרויס, און דער טאַטע האָט געזאָגט צו דער מאמען, אז לויטן דין פון דער תורה דארף מען איבערלאָזן פאָה, דאָס הייסט אַ טייל פון דער גערעטעניש, אין עק פעלד דארף געהערן צו ארעמע לייט — און דער טאַטע האָט טאַקע איבערגעלאָזן אַ שטיק בייט מיט קאַרטאָפל פאר אן אָרימע פרוי פון אָרלאָווע.

איינמאָל קומט דער טאַטע פון שול און דערציילט איבעראשט, אז אין שטעטל איז געקומען אַ דעלעגאַט פון באַראָן הירש, וועלכער וויל, אז יידן זאָלן ערד־ארבעטער זיין און אָט דער דעלעגאַט וויל העלפן די יידן וואָס פאַרמאָגן ערד — אז זיי זאָלן פלאנצן סעדער און ווערן גערטנער. ער וועט צושטעלן די פאַרשיידענע פלאנצונגען; ער וועט אויך פינאַנסירן די הוצאות אויף די פלויטן ארום די גערטנער, פלויטן געגן די גויישע חזרים וועלכע זענען אַ סכנה פאר די יונגע פלאַנצונגען. און דער טאטע האָט שוין ווידער געלויכטן פון גליק, שילדערנדיק ווי אַזוי ער שפאַצירט זיך נחת׳דיק אין זיין אייגענעם סאָד, וואָס איז אַרומגעצאַמט אזוי ווי דעם פריצ׳ס סאָד; רייסט אָפּ אן עפל און רייסט אָפּ אַ באַר און פילט זיך ווין אין גן־עדן ממש.

די מאמע דאקעגן איז מער רעאליסטיש פון טאטן, זי צווייפלט אביסל אין גאנצן ענין. ראשית, פארוואָס איז עפעס דער באַראָן הירש אזוי גוט צו אונדז? און צווייטנס, די גויישע שכנים — וועלן זיי דען לאָזן אונדז פלאַנצן סעדער? מיר געדענקען דאָך זייער גוט דעם משפט מיט די שיכורע גויים. „דו האָסט שוין אפשר פארגעסן?״ זאָגט זי צום טאטן, „אָבער מיין צובראכענע האַנט געדענקט זייער גוט״.

דער טאַטע איז אָבער געווען איבעראשט פון גאנצן ענין און ער האָט קיין אַכט ניט געלייגט אויף דער מאמעס קווינקלענישן. איז ער אוועק צום דעלעגאַט און פארשריבן זיך צו ווערן אַ סאַדאָווניק. ס׳איז ניט דורך קיין לאַנגע צייט און

אַ גניטער גערטנער איז געקומען צו אונדז, און האָט ערקלערט אז דער באַראָן גיט אַלץ אומזיסט, מ׳דארף ניט צאָלן, ניט פאר די פלאנצן, און ניט פאר דעם פלויט. נאכער איז מען געקומען און מ׳האָט געגראָבן גריבלעך אין גאָרטן און מ׳האָט געפלאַנצט פארשיידענע בוימער — עפּל, באַרן, און אַגרעסן.

און אָט איז נאָך אַ געשעעניש. אין שכנות מיט אונדז האָט געווינט ניסים דער פארבער מיט זיין משפחה. זייער עלסטער זון האָט געהייסן שלום, אַ פעאיקער בחור וועלכער פלעגט העלפן דעם טאַטן פארבן די פלאַקס און די וואָל. ער האָט געלערנט די תורה פון פארבן און האָט געוואָלט דערפינדן עפּעס אַ קונסט מיטל וואָס זאָל פארבעסערן די פארבן, זיי זאָלן נישט אָפּקריכן. איינמאָל איז ער געפאָרן מיטן טאַטן אין קיעוו, אָדער אין קישעניעוו וועגן אָט דעם ענין. דערווייל איז אויסגעבראָכן דער קישעניעווער פּאָגראָם — און אין אָרלאָווע איז געוואָרן חושך־מצרים. ניסים׳ס ווייב און קינדער זענען זיכער געווען אז דער טאטע און דער זון זענען אומגעקומען. מ׳האָט זיי בשום אופן ניט געקענט טרייסטן. אזוי זענען דורך אייניקע טעג אין וויינערייען ווי נאָך אַ מת. פלוצעם איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע אַז זיי געפינען זיך אויף דער סטאַנציע ראָזשאַנקע. די שטעטל האָט אויפגעלויכטן — די שמחה איז ניט פאָרצושטעלן. אויך איצטער איז איצ׳קע דער וואזאק געווען דער הויפּט מחותן. ער האָט געשפּאַנט די פערד און געפאָרן ברענגען די וויכטיקע געסט. די גאַנצע שטעטל איז געלאָפן אנקוקן, ווי זיי וואָלטן געקומען פון יענער וועלט.

איצטער האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע פרשה. דער פּאָגראָם אין קישעניעוו האָט אויפגעוועקט גאָר נייע זאָרגן — אויך אין אָרלאָווע אָדער אין זשעלודאָק קענען דאָך פארקומען פּאָגראָמען, דארף מען זען עפּעס טאָן, און ניט זיצן מיט פארלייגטע הענט. האָט מען איינגעאָרדנט אַן אסיפה אין בית־מדרש און מ׳האָט גערעדט וועגן זעלבסט שוץ. נאָך דער אסיפה האט מען אנגעהויבן צו טאָן אויך ממשותדיק — די וואפן וואס מ׳האט צוגעגרייט זענען געווען נאַגייקעס און בייטשן — און אלץ אונטערערדיש און געהיים.

דער טאטע איז געווען איינער פון די טעטיקע חברים אין דער אונטערערדישער אָרגאניזאציע.

איינמאָל, שפּילנדיק זיך ביי אונדז אויפן בוידעם, האָבן מיר פלוצעם אנט־פּלעקט אונטער די שטריי — נאַגייקעס און אייזנס — אַ גאַנצן אוצר. שאַ שטיל, מ׳טאָר קיינעם ניט דערציילן — האָבן די יינגלעך געזאָגט. אָבער איך בין אַוועק און דערציילט דער מאמען. איז פרעגט ניט וואָס עס איז געווען. ליהודים איז געווען!

„גזלן״ — האָט די מאַמע געשריען צום טאַטן. „מ׳וועט דאָך אונדז אין סיביר פארשיקן. פארוואָס האָסטו מיר ניט דערציילט פון דעם. ווען איך וויים, וואָלט איך די קינדער ניט געלאָזט שפּילן זיך אויפן בוידעם. קינדער קענען דאָך פּלאַפּלען, און צוליב דעם אליין קען אויסברעכן אַ פּאָגראָם״.

דער טאַטע האָט געזאָגט אז די מאמע איז טאַקע גערעכט. און אין מיטן נאכט איז מען געקומען און מ׳האָט איבערגעפירט דעם אוצר ערגעץ אנדערש.

בילדער־בילדער. אָט דערמאָן איך זיך ווי מיין ברודער בערל וועלכער האָט געדינט ביי ניקאָלאיען — ווי אזוי ער איז געקומען אויף אורלויב. פיר יאָר האָט אונדזער בערל געדינט דעם קיסר. אייגנטליך האָט ער געדארפט דינען נאָר דריי יאָר, אָבער פלוצעם איז אויסגעבראָכן די רוסישע־יאפּאנישע קריג, איז ער געבליבן נאָך אַ יאָר אין מיליטער. אויסגעפּוצט אין אַ לאנגן שינעל מיט פאַלדן פון הינטן און מיט גלאַנציקע קנעפּ. אָ, ווי גליקליך מיר זענען געווען ווען ער האָט אונדז געהאַלדזט און געקושט. ער האָט אונדז געבראכט אַ ווונדערלעכע מתנה, עפּעס אַ קעסעלע פון בלעך וואָס איז געהאָנגען אויף זיין גאַרטל אין קעסעלע איז געווען אַ לעפעלע פון צין. ער האָט דערציילט אז פון דעם קעסעלע עסט ער און טרינקט אין זיין סלוזשבע.

אויך אַ זעלטענעם אַלבאָם האָט ער געבראכט. פון יאפּאָנישע זייד געמאַכט. אויפן אויבערשטן טאָוול איז געווען אויסגעשניצט אַן אָדלער פון העלפאַנט ביין. קאָלירטע פייגעלעך מיט פליגעלעך האָבן באפּוצט די זיידענע בלעטלעך. און אויך אַ פּעקל טיי האָט ער געבראַכט. שבת איז ער געגאנגען מיטן טאטן אין שול. אלע יידן האָבן אים אָפּגעגעבן כבוד. אַ קלייניקייט, דורכגעמאַכט די יאַפּאַנישע מלחמה; מ׳האָט געוואָלט הערן פון אים נייעס פון דער גרויסער וועלט. אָבער בערל איז געווען זייער איינגעהאַלטן און האָט וויייניק גערעדט.

און אָט איז גאר אַן אנדער בילד. דאָס איז געווען נאָך דער רעוואָלוציע פון 1905, וועלכע האָט זיך געענדיקט מיט אַן אנטוישונג — מען האָט געוואַרט אויף אַ מלאך און עס איז געקומען אַ גלח. פון אלע הבטחות וואס זענען געגעבן געוואָרן — פרייע פּרעסע, אַ פרייען וואָרט, אַ דעמאָקראטישן וועזן, האָט זיך אויסגעלאָזן אַ בוידעם. און פיל פון די וואָס האָבן געגלויבט אין די הבטחות האָבן באַצאָלט מיט זייער לעבן. אַ סך פון די יוגנטלעכע זענען פון גרויס פארצווייפלונג פארכאפּט געוואָרן דורכן אַנארכיזם. גרייט צו נקמה־טאָטן, אין די פאָרשטייער פון רעזשים. ווער עס האָט געטראָגן אַן אָפיציעלן מונדיר מיט קנעפּלעך איז געווען פארעכנט אַ פארעטער פון דער מענטשהייט. אין יענע טעג איז אויך אין אָרלאָווע פארגע־קומען אַ געשעעניש וואָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון יענע בלוטיקע־טעג.

אויף דעם גלח׳ס פעלדער, אין עק פון שטעטל, איז געווען אַ פארזייטע פעלד

מיט לובין, אַ פּלאַנצונג וועלכער וואקסט זייער הויך. אין אַ שיינעם זומער פרי־מאָרגן, האָבן מיר געזען ווי פּאָליציי־לייט לויפן הינטערן שטעטל, אין דער ריכטונג פון דעם גלח׳ס לובין־פעלדער, מ׳שיסט און מ׳זוכט. מיר האָבן ניט געוווּסט וואָס דא קומט פאָר. אָבער גאנץ גיך האבן מיר שוין גאר גוט געוווּסט, אז מ׳זוכט דאָ פארדעכטיקע פארשוינען פון אָרלאָווע און איר אומגעגנט. עס האָט ניט לאנג געדויערט און מ׳האָט זיי טאקע געכאַפּט. דאָס זענען געווען, שמואל׳קע פעשקעס פון אָרלאָווע, וועלכע איז נאָך געווען אַ ייִנגל ממש. און דער צווייטער — מיכל פון דאָרף זאַטשעפּיץ. די צוויי געכאפּטע זענען מערדערליך געשלאָגן געוואָרן. מ׳האָט זיי באשולדיקט אין אונטערוואַרפן אַ באָמבע אונטער אַ באַן, וואָס האָט געפירט עפּעס זייער אַ וויכטיקע פּערזענליכקייט, אַ גענעראַל. איך געדענק ווי מ׳האָט די צוויי געכאַפּטע געבראַכט אויפן מאַרק. געשמידט אין קייטן און זייער שטאַרק פארבלוטיקט. איך געדענק ווי מ׳האָט זיי דערלאַנגט אָנגעצונדענע פּאַפּיראָסן אין מויל אריין, ווייל זיי אליין האָבן ניט געקענט באוועגן זייערע געבונדענע הענט. שמואל׳קע פעשקעס, וועלכער איז נאָך אַ ייִנגל געווען, האָט מען גאַ־ץ גיך באַפרייט. די נאַצ׳אַלסטוואָ האָט זיך איבערצייגט, אַז זיין געפינען זיך אין פעלד פון די לובין איז צופעליק געווען.

איך געדענק אויך ווי שמואל׳קעס טאַטע איז צוגעגאנגען צו׳ אים גלייך ווי מ׳האָט אים באפרייט, און האָט אים מכבד געווען מיט צוויי קלינגענדיקע פעטש. דאָס זענען געווען ניט קיין איינפאכע פעטש, נאָר טאַקע דיפּלאָמאַטישע! מיט דעם האָט ער געוואָלט איבערצייגן נאַטשאַלסטוואָ אַז שמואל׳קע איז טאַקע אַ יונגער מאַלעקאַסאָס, ווּעמען דער טאַטע קען נאָך גוט אויספּאַטשן.

מיכלען האָט מען אוועקגעשיקט אין ווילנער טורמע. אָרלאָווע איז געגאנגען אויף רעדלעך. אלע האָבן געוווּסט אז מ׳דאַרף עפּעס טאָן כדי צו באַפרייען דעם בחור. אין צייט פון פּראָצעס זענען טאקע אַ סך אָרלאָווער איינוווינער געפאָרן אין ווילנע עדות זאָגן. זיי האָבן געשוואָרן אז אין טאָג פון אַטענטאַט איז מיכל געווען אין אָרלאָווע און ניט אין ראָזשאַנקע ווו די באַן ליניע גייט דורך. דער טאַטע פלעגט שטענדיק דערציילן ווי אזוי דער פּראָקוראָר, דער צורר, האָט געפּרוּווט פאַרפּלאָנטערן די עדות, עס האָט זיך אים אָבער ניט איינגעגעבן און מיכל איז באַפרייט געוואָרן. אָרלאָווער יידן האָבן דאָ באַוויזן מסירות־נפש ממש, און די שמחה איז גרויס געווען.

אויך אין אָרלאָווע, ווי אין אַנדערע שטעטלעך, האָט זיך צופלאַקערט אַ מחלוקת וועגן אַ רב אין שטעטל. די עלטערע יידן האָבן געוואָלט אַן אלטן רב. און יינגערע — אַ יונגן רב. דער טאַטע האָט אונטערשטיצט די יונגע. און די מחלוקת איז דערגאַנגען אזוי ווייט, אז אָפטמאָל פלעגט מען אָפּהאַלטן די קריאת־התורה

אין שול. איך געדענק ווי מ׳האָט געדונגען אַ דירה פארן יונגען רב ביי ארקע דעם רופא. ווי מהאָט געפּוּצט די דירה, געריבן און געקאַלכט. — אַ פּאלאַץ האָט מען פון איר געמאַכט. אין איינע פון די טעג איז אריין געפאָרן אין אָרלאָווע אַ וואָגן — אָנגעלאדן מיט פעק און פעקלעך. און צווישן זיי איז געזעסן אַ פרוי, אַ שיינהייט מיט אַ יינגעלע. דער וואגן האט זיך אָפּגעשטעלט ביי דער דירה, און פארבייגייער האָבן זיך אַ נעם געטאָן ווי צו דער מצוה, העלפן איבערטראָגן דעם באַגאַזש. אין מיינע זכרונות איז געבליבן דאָס בילד פון עפּעס אַ גרויסע ניקלנע בעט מיט בלישצ׳ענדיקע גאָלקעס. ביי אונדז זענען געווען בדרך־כלל הילצערנע בעטן. און דאָס וואָס איך האב איצטער געזען איז געווען פאר מיר אַ חידוש.

דער רב איז געווען זייער אַ פיינער יונגער מאן, און האָט אריינגעפירט פיינע מידות. ער האָט אראָפּגעבראַכט אין שטעטל יונגע בחורים, פרושים האָבן זיי געהייסן. זיי האָבן געלערנט אין בית־מדרש. און אין שטעטל איז עפּעס פריילעך געוואָרן. איין בחור וועלכער האָט געהאַט זייער אַ שיינע טענאָר־שטימע, האָט חתונה געהאַט מיט ביילקע־מאשעס. אַ צווייטער בחור האָט חתונה געהאַט מיט לאה׳קע ליפע דעם גלעזערס. גאָר פריילעך פלעגט זיין שבותע־נאכט ביים רב אין שטוב. — מ׳פלעגט זינגען „המבדיל בין קודש לחול״ און אנדערע זיסע ניגונים. און די רביצן פלעגט אנשטעלן דעם סאַמאָוואַר און מכבד זיין די געסט מיט טיי.

אַזוי ווי אין אַנדערע שטעטלעך, איז אויך אָרלאָווע געווען אַן אייגענער חזן, אַ שיינער ייד און זייער אַ ווילער זינגער, ער איז אויך געווען דער שוחט און דער מוהל פון שטעטל. פון די אלע מלאכות איז ער געווען אַ גרויסער אָרעמאַן. זיין עלטסטע טאָכטער האָט געהייסן באַבצ׳ע, וועלכע איז געווען אַ שניידערקע. אויך איך האָב זיך געלערנט שניידעריי, און האָב געאַרבעט צוזאמען מיט באבצ׳ען. זומער פלעגט אונדזער חזן צוזאמען נעמען יינגלעך וועלכע האָבן געהאַט גוטע שטימען, ער פלעגט זיי לערנען חזנות און צוגרייטן צו די ימים נוראים. איך און באבצ׳ע האָבן אויך געהאַט שיינע שטימען, פלעגן מיר ביידע זיצן און איינהערן זיך ווי די יינגעלעך זינגען. און גאנץ אָפט פלעגן מיר זינגען צוזאמען מיט זיי. באבצ׳עס טאטע וואס איז געווען אַ גוטמוטיקער און איידעלער מענטש, פלעגט גאנץ אָפט אריינגיין צו אונדז אין צימער און זאָגן:

„אַ שאָד וואָס איר זענט ניט קיין יינגלעך, אַ שאָד! ווען איר זענט יינגלעך וואָלט איר שוין ביי מיר געזונגען אין כאָר. כ׳מוז אייך זאָגן אז איר זינגט שענער פון די אלע וואָס איך האָב דאָ צוזאמענגענומען״.

באַבצעס מאמע איז געווען אַ פרוי אַ פאַרהאָרעוועטע און אַ פאַרהאוועטע, שטענדיק פארזאָרגט וואָס קאָכט מען און וואס גיט מען עסן דער משפחה? באבצ׳ע איז געווען אַן איבערגעגעבענע טאָכטער, — וואָס זי פלעגט פארדינען פון איר

שניידעריי האָט זי אוועקגעגעבן דער מאמען. די מאמע פלעגט איר ניט איינמאָל מוסערן וויינענדיקערהייט, און זאָגן, אז אַ מיידל דארף היטן אירע פארדינסטן כדי אַנצוקלייבן נדן, „עס איז ניט גוט וואָס דו גיסט אונדז אַוועק דיינע געלט". אָבער באבצ׳ע פלעגט לאכן און זאָגן דער מאַמען, אז אַ מיידל דארף ניט קיין פארדינסטן, אַ מיידל דארף נאָר מזל האָבן, און כדי מזל צו האָבן העלפט ניט קיין געלט און פארדינסטן. — אויב אזוי וואָס פאר אַ ווערדע האָט דאָס געלט?

אָט זע איך זייער גוט יענעם פרימאָרגן ווען דער טאַטע איז געקומען פון בית־מדרש זייער צושראָקן און האָט דערציילט אז אַ מלחמה איז אויסגעבראָכן. ער האָט דערציילט אז אין גאַס האָט מען שוין אויף אלע ווענט אויסגעהאָנגען גרויסע אַפישן און פלאַקאַטן, אין וועלכע מ׳איז מודיע, אז אלע מענער פון 20 יאָר ביז 35 יאָר דארפן זיך גלייך יאַווען צום פריזיוו. ער האָט אויך דערציילט אז היינט נאָכמיטאָג וועט פאָרקומען אַ גרויסע פארזאַמלונג אין בית־מדרש ווו דער רב פון שטעטל וועט ריידן פארן עולם, יעדער ייד מוז קומען אויף דער פאַרזאַמלונג מיט ווייב און קינד־ער צו הערן דעם רב׳ס דרשה.

כ׳וועל קיינמאָל ניט פארגעסן יענע אסיפה. דער רב האָט זיך געזעגנט זייער הארציק מיט אלע יונגעלייט וועלכע זענען מאָביליזירט געוואָרן. ער האָט זיי געבענטשט, און געשילדערט ווי אָרלאָווע וועט אויסזען אין אזא שרעקלעכע צייט אָן אירע יונגע לייט — אָן אירע באַשיצער און פרנסה געבער, אָן די וועלכע זענען איר לויב און איר פראַכט... איך געדענק אז דערהערנדיק די ווערטער האָט אויסגעבראָכן אין בית־מדרש אַ געוויין — יונג און אַלט האָבן געוויינט ווי קליינע קינדער. און ניט נאָר בעת דער רעדע, אויך נאָכדעם, האָבן מענטשן ניט אויפגעהערט צו וויינען. אונדזער משפחה האָט שוין דאן געהאַט אויך אַן אייגענעם טרויער — ווייל אין יענע טעג איז געשטאָרבן אונדזער ליבע און טייערע מוטער.

און אָט האָט אָנגעהויבן די מלחמה צייט. אָט זעען מיר שוין די רוסן אין זייער צוריקגאַנג. שלאָפלאָזע נעכט האָבן מיר געוווּסט. גרויסע מיליטער אָפטיילונגען פלעגן דורכגיין אונדזער שטעטל — פארמאטערטע און צובראָכענע, אבגעריסן און אָפגעשליסן; די פיס געשוואָלענע פון אַ סך גיין; פלעגן זיי קלאַפּן אין די טירן און פענצטער, בעטן עפּעס עסן אָדער טרינקען. מיר זענען אין שטענדיקע שרעק געווען. מיר האָבן זיך געשראָקן פארן אייגענעם שאָטן. ס׳איז געווען נאָך יום־כיפור ווען דער טאַטע איז איינמאָל געקומען פון שול און האָט געזאָגט, אז ס׳איז קיין עצה ניטאָ מען מוז אנטלויפן פון שטעטל. איז וווהין לויפט מען? די אלגעמיינע מיינונג איז געווען אויב לויפן דארף מען אין זשעלודאָק. מיר זענען אלע ארויס מיט זייטיקע וועגן. און ווי שטענדיק איז אויך איצטער געקומען איצ׳קע דער וואזאק, מיט זיין וואָגן און פערד. אויפן וואָגן האָט ער איינגעפראַוועט עפּעס אַ בויד.

אינעווייניק איז געזעסן זיין פאַמיליע, און אזוי איז מען ארויס אין וועג. די בויד אין צענטער און מיר אלע ארום איר. דער גרעסטער טייל פון די גייער זענען געווען ווייבער און קינדער. און דער גאנצער מאַרשרוט האָט אויסגעזען ווי אַ לעבעדיקע לויה.

אָט זענען מיר שוין אין זשעלודאק ממש. ארום און ארום אַ טויטע שטילקייט. קיין לעבעדיקן נפש זעט מען ניט. דאָ האָבן מיר זיך פאנאנדערגעטיילט, יעדער איז געגאנגען צו זיינע באקאנטע אָדער קרובים. מיר זענען געגאנגען צו די ביעלסקעס, וועלכע זענען געווען אונדזערע קרובים. מיר האָבן קיינעם ניט געפונען אין שטוב. מיט אַמאָל האָבן מיר דערזען זייער מיטעלע טאָכטער לויפט צו אונדז און דערציילט אז אלע יידן פון שטעטל באהאטלן זיך יעצט אויפן בית־עולם, צווישן די מצבות. אויס שרעק פאר די קאָזאַקן באהאלט מען זיך. אין אַ קורצע צייט נאָך דעם, איז געקומען די גאנצע פאמיליע פון זייער באהעלטעניש. מ׳האָט אונדז זייער הארציק אויפגענומען. מ׳האָט אויפגעקאָכט וואַסער און געמאַכט טיי. מיר זענען טויט־מיד געווען און אונדזער איינציקער באַגער איז געווען אָפּרוען זיך פון לאנגן וועג. און גאָר גיך זענען מיר אלע אַנטשלאָפן געוואָרן.

אויף מאָרגן, גאָר פרי, האָט אונדז אויפגעוועקט אסתר־רייזשקע די אלמנה פון ליפניצע, וועלכע איז מיט אונדז געקומען פון אָרלאָווע, זי מיט אירע קינדער. אסתר־רייזשקע האָט איבעראַשט דערציילט, אז ארויסגייענדיק אין דרויסן האָט זי געזען דייטשן, ממש דייטשן, און זי וויל אונדז אָנזאָגן טאקע א גוטע בשורה, כדי צו דערפרייען אונדז. „די דייטשן״ זאָגט זי „זענען זייער ווילע מענטשן, זיי האָבן צו מיר גערעדט זייער איידל, זיי האָבן מיר געזאגט ,ליבע פרוי׳, דאָס איז כמעט ווי יידיש, און זיי האָבן זיך אפילו צוקושט מיט מיר״. אסתר־רייזשקע איז געווען אין זיבעטן הימל, און דער טאטע דערהערנדיק די בשורה, האָט געזאָגט: „הלוואי, ריבונו של עולם, זאָל דאָס אמת זיין!״

די איינגשאַפּט אין שטוב איז געווען גרויס. אָבער די בשורות זענען ווייטער גוטע. מ׳דערציילט אז די דייטשן זענען שוין אומעטום, און זיי זענען זייער העפליך. אויב אזוי וואָס איז צו זיצן אין זשעלודאָק? האָט מען טאַקע געגומען די פעקלעך מיט די זעקלעך, און צוריק אין אָרלאָווע, צוריק אַהיים. קומענדיק אַהיים האָבן מיר אַ חורבן געטראָפן. די טישן, בענק, און בעטן אלץ איז פארברענט געווען. דאָס האָבן די איידעלע דייטשן געטאָן — אויף די ערדענע פאָדלאָגעס פון אונדזערע הייזער פלעגן זיי צולייגן פלאַקערס פון אונדזער הילצערנע מעבל, און אזוי פלעגן זיי קאָכן און וואַרעמען זיך.

קאַרטאָפל האָבן ניט געפעלט. די פעלדער זענען געווען פול מיט קאַרטאָפל,

האָט מען געגעסן קאַרטאָפּל מיט קאַרטאָפּל. דער טאַטע האָט געמאַכט אַ סוכה, ס'איז דאָך עפּעס סוכות אויף דער וועלט. דערווייל האָבן די דייטשן אונדז צורו געלאָזן, זיי זענען פאַרטאָן געווען מיט זייערע נצחונות. מ'האָט שוין אָנגעהויבן נאָר שבחים צו רעדן וועגן זיי. ביז איין שבת איז מען אויסגעניכטערט געוואָרן. יענעם שבת זענען יידן געגאַנגען פון בית־מדרש לאַנגזאַם און מ'האָט נאָר גערעדט שבחים וועגן די דייטשן. גייענדיק, איז אָנגעקומען אַ דייטש און האָט געפרעגט וועגן אַ שמיד צו פאַרשמידן זיין פערד. מאיר־משה דער שמיד וויל אָבער שבת ניט אַרבעטן. דער דייטש רעדט צו אים דייטש און מאיר־משה רעדט רוסיש און זאָגט: „ביע פּאָניעמאַיו". איז דער יעקע אַרויס פון די כלים און האָט אָנגעהויבן מערדערליך צו שלאָגן מאיר־משה'ן, שלאָגן און שילטן. ער האָט באַפּעלט גלייך עפענען די קוזשנע און שמידן זיין פערד. עס האָבן זיך צוזאַמען געקליבן נאָך דייטשישע זעלנער און מ'האָט אָנגעהויבן בלוטיק צו שלאָגן אַלע יידן וועלכע זענען געגאַנגען פון בית־מדרש... אָט אַזוי האָבן מיר שוין אַפילו אין יענע יאָרן פאַרזוכט דעם טעם פון די „העפליכע" יעקעס.

פינצטערע זענען געווען די מלחמה יאָרן. טיפוס עפּידעמיעס און אַנדערע קרענקן האָבן זיך פאַרשפּרייט. הונגער און שרעק. זייער פיל פון דער באַפעלקערונג זענען געשטאָרבן. טויט־פליגן האָבן געוויעט און איבערגעטראָגן די קראַנקהייטן פון איין אָרט צום צווייטן. אייניקע וואָכן איז אונדזער פאַמיליע געלעגן אין זשעלודקער שפּיטאָל.

די דייטשן האָבן אַלעס אַרויסגעפירט פון אונדזערע ערטער — האָלץ וואַרג און עסנוואַרג — תבואה, און אייער און פוטער, און האָבן דאָס געשיקט אין דייטשלאַנד. צוואַנגס־אַרבעטער האָבן אויסגעפילט אָט די אַלע אַרבעטן און אַ סך פון זיי האָבן באַצאָלט מיט זייער לעבן, ביז ס'איז געקומען דער טאָג און זיי האָבן פאַרלאָזט אונדזערע ערטער.

די פּאָליאַקן זענען אָנגעקומען און מיט זיי האָבן זיך באַנייט די צרות — מ'האָט געשלאָגן און געשניטן בערד, אָבער די מלחמה האָט זיך שוין דערנעענטערט צו איר סוף. דער קאָנטאַקט מיט אַמעריקע האָט זיך באַנייט — פּעקלעך מיט עסנוואַרג און קליידונג האָבן אָנגעהויבן אָנקומען, און ס'האָבן זיך ממש געעפנט די אויגן. אין אַ ביסל צייט אַרום האָט אונדזער משפּחה עמיגרירט אין אַמעריקע.

אָרלאָווע איז געבליבן איינגעקריצט אין אונדזער זכרון, טראָץ די אַלע צרות פון די מלחמה צייטן, האָבן מיר איר געזען ווי אונדזער קינדהייט־שויס — און מיט אַ סך בענקשאַפט פלעגן מיר איר דערמאָנען. ביז עס איז אונדז דערגאַנגען די שרעקלעכע בשורה פון איר אומקום. די הערצער זענען פאַרוווּנדעט און פאַר־ווייטיקט — אַ וווּנד וואָס האָט קיין היילונג ניט.

ברוך לוין

הגנה עצמית

אַ צוטריט, כדי צו זוכן פאַרשיידענע מעטאַל־שטיקער, אין וועלכע כ׳האָב זיך געניוטיקט צו דער אַרבעט. ביז דער שחיטה אָבער, און ביז מיין פרוי און די קינדער האָבן נאָך געלעבט אין אונדזער שטעטעלע זשעלודאָק, פלעגט בלויז דער געדאַנק וועגן דעם אַנוואַרפן אַ פחד, אַפילו אויף די סאַמע דרייסטע יונגען, וואָס האָבן געאַרבעט אין די וואַרשטאַטן. אויך מיר פלעגט עקבערן דער געדאַנק: ווער ווייס, צו וואָס אַזאַ זאַך קען ברענגען? — ס׳קען דאָך אומברענגען די משפחה... — קורץ נאָכן צעשיסן די לידער יידן זענען אהין אָנגעקומען אַנטלאָפענע פון דער שחיטה אין זשעלודאָק. ביי זיי בין איך געוויר געוואָרן, אַז איך האָב שוין מער קיין משפחה ניט. די שחיטה אין זשעלודאָק און אין דערבייאיקן שטשוטשין איז פאָרגעקומען אויף מאָרגן נאָך דער שחיטה אין לידע.

כ׳האָב אַרויפגענומען אַ האָק אויפן בוידעם, ווו כ׳האָב זיך געהאַט איינגעאָרדנט אַ ווינאָרט. כ׳האָב אָנגעהויבן טראַכטן וועגן געווער.

כ׳קען היינט ניט באַגרייפן, וואָס איז געווען מיטן לידער געביטסקאָמיסאַר. ער איז געווען איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן די וואַרשטאַטן, אין וועלכע ער פלעגט אַ׳ אָפּקומען עטלעכע מאָל אַ טאָג און זיך יעקיש־נאַיוו אינטערעסירן וואָס מען אַרבעט און ווען מען אַרבעט. סך־הכל געדענק איך ניט, צי פאַר דער גאַנצער צייט איז אַרויסגעקומען עפּעס אַ וויכטיקע, ממשות׳דיקע זאַך פאַר די׳ דייטשן פון אַט די גאַנצע וואַרשטאַטן. דער געביטסקאָמיסאַר איז אָבער געווען אַ ליבהאָבער פון פון מייסטערווערק, אויסאַרבעטן כלערליי זאַכן, ער פלעגט אַפילו שטיין אליין און אַרבעטן. אָט דער דייטש האָט עס געטאָן אַלץ, איבערצולאָזן זיינע יידישע אַרבעטער צווישן די לעבעדיקע. „איך אַרבעט אין די וואַרשטאַטן", „איך אַרבעט אין גאַראַזש" — איז געווען דער פּאַראָל צו בלייבן לעבן.

איינער פון די זשעלודקער, וואָס זענען געקומען נאָך דער שחיטה, ברוך קרופּיצקי האָט ער געהייסן, האָט, גראָבנדיק, צופעליק געפונען אַ רעוואָלווער, ער איז געוואָרן מיינער.

דער אָנפירער פון גאַראַזש, וועלכע קרופּסקי איז, ווי מ׳פלעגט זיך אמאָליקע יאָרן אויסדריקן, געווען אַ יינגל מיט בלוט און ווילן. פלעג איך אים כאַפּן אין אַ גוטער מינוט און מיט אים פאַרפירן אַ שמועס וועגן געווער, פלעגט ער מיר צוגעבן מוט; מ׳דאַרף אָבער זיין פאָרזיכטיק. ער אליין האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט פאַרצו־לייגן דעם געביטסקאָמיסאַר אַזעלכע פּלענער, וואָס זייער פאַרווירקלעכונג האָט געפאָדערט אונדזער אַרויסגיין אויסערן געטאָ.

איין מאָל, ווען דער געביטסקאָמיסאַר האָט געפרעגט וואָס איז מיט זיין מאַשין, פאַר וואָס ווערט זי ניט פאַרטיק, האָט אים קרופּסקי געענטפערט, אַז אַ געוויסער טייל פעלט. „ווו קען מען דאָס קריגן?" — האָט געפרעגט דער געביטסקאָמיסאַר.

קרופסקי האָט אים געענטפערט: „מענטשן זאָגן, אז אין „בויטן־לאגער״ קען מען אזעלכע טיילן קריגן״.

דער געביטסקאָמיסאַר האָט אונדז געגעבן אַ צעטל, אז מ׳זאָל אונדז אריינלאָזן אויף יענעם פּלאַץ אין די געוועזענע קאָשאַרן (קאזארמעס) פון 77־סטן פיעכאָטע פּאָלק (אינפאנטעריע). איבערן גאנצן גרויסן שטח זיינען מיר הין און צוריק ארומגעפאָרן מיט א פור. די דייטשן האָבן געהאַט צו אונדז צוטרוי, אויפן סמך פון דעם וואס דער געביטסקאָמיסאַר האָט געשריבן, אז מען זאָל אונדז געבן אלץ, אין וואס מיר נויטיקן זיך.

ס׳זענען דאָרט געלעגן קופּעס ביקסן, וועלכע די יידן האָבן ביז דער שחיטה באוויזן אויסצוסאָרטירן. אויף פיל ביקסן איז ניט געווען אפילו קיין איינציקער פגם. איך האָב געפּלאָנירט ווי אזוי ארויסצופירן אַ ביסל פון די ביקסן. כדי דער דייטש, וואָס איז אונדז נאָכגעגאנגען, זאָל ניט ווארפן קיין חשד, האָב איך גענומען אַ ביקס, אַ קלאַפּ געטאָן און צעבראָכן דאָס האָלץ. דעם שלאָס האָב איך אָפּגעוואָרפן אן א זייט און די גאַנצע לופע מיט די איבעריקע טיילן אריינגעוואָרפן אין וואגן אריין. אזוי האָב איך דאן אריינגעוואָרפן עפּעס א 12—13 שטיק. שפּעטער־צו האָט וועלוועקע קרופּסקי אַ ביסל פאררעדט דעם דייטש און איך האָב די שלעסער גענומען און באזונדער אריינגעגנבעט אין וואָגן... און אזוי האָבן מיר דעם האָב־און־גוטס ארויס־געפירט.

איך האָב אָנגעהויבן צופּאַסן די טיילן, צומאכן צו זיי דאס האָלץ, די אזוי־גערופענע קאָלבעס. קיין סך ארבעט איז ביי די ביקסן ניט געווען. גאָר גיך האָב איך זיי אריבערגעטראָגן אין שטוב, ווו כ׳האב געוווינט. דאס איז געווען עטלעכע טריט פון די ווארשטאַטן, כ׳האָב דאס געווער באַהאַלטן אין מיין סקלאַד אויפן בוידעם.

שפּעטער־צו, אז מען האָט געבראַכט עטלעכע וועגענער פון אלערליי טיילן פאר דער שלאָסעריי, האָב איך דאָרט געפונען אַ סטוואל (לופע) פון אַ פּ.פּ.ד. (אַ רוסישער אויטאָמאַטישער ביקס). כ׳האָב אזוינס פריער אין האנט קיינמאָל ניט געהאלטן. כ׳האָב געוואָלט געוויר ווערן ווי ס׳זעען אויס די איבעריקע טיילן, ווי אזוי מען קען זיי דערמאכן. צופעליק איז געקומען אין די ווארשטאַטן אַ דייטש, וועלכער איז געווען פאַרוואלטער פון גוט בערדוווקע. זייענדיק זיכער, אז מיר וועלן מיטן געווער גארניט טאָן, האָט ער אונדז אַ וואָרף געטאָן זיין פּ.פּ.ד., מיר זאָלן אים פונאנדער־נעמען, גוט אויספּוצן און אויסשמירן. דאן האָב איך גענומען אַ גענויע מאָס פון שלאָס — ווי ער גייט און שטייט, — און זיך עס אָנגעצייכנט און אָנגעהויבן אליין אלץ מייסטרעווען, טייל ביי טייל. דער פּ.פּ.ד. צו וועלכן כ׳האָב דערמאכט טיילן האָט מיר גוט באדינט קארגע צוויי יאָר אין וואלד זייענדיק אין דער פּארטיזאנקע.

דאס צומאכן די טיילן אין ווארשטאַט האָט פארנומען אַ לענגערע צייט. מ׳האָט

דאָך ניט געקאָנט שטיין נאָרמאַל און ארבעטן, מ׳האָט געדאַרפט זיין פאָרזיכטיק.

מיר האָבן אנגעהויבן זוכן נאָך געווער — עפּעס גרעסערס און בעסערס. כאָטש אין יענע צייטן, נאָך דער שחיטה, האָבן מיר נאָך קיין אנונג ניט געהאַט, וואס און ווער פארטיזאנקע איז. מיר האָבן קוים עפעס פארנומען וועגן דעם.

מיין ערשטע דיווערסיע

מיר האָבן, ווי געזאָגט, אין לידער געטאָ קוים געהאַט געהערט וועגן פארטיזאנקע און דאָך האָב איך מיין ערשטע דעווערסיע קעגן דעם דייטשישן שונא דורכגעפירט אין פארטיזאנישן גייסט אַ היפשע פּאָר חדשים פאַר מיין אָנקומען אין פארטיזאנער אטריאַד.

געווען איז עס אזוי.

איין מאָל האָט מען אונדז אין דער באַגלייטונג פון פּאָליציסטן און זשאנדארמען ארויסגעשיקט פון די ווארשטאַטן אין שטעטל באקשט, דאָרט צו געפינען פארשיידענע נוציקע טיילן און אפשר אפילו גאנצע מאשינען צווישן די איבערגעלאָזטע, ביים אָפּטרעטן, רוסישע טאנקן און פּאַנצער־מאשינען אָפּטיילונגען. מיר זענען געקומען אהין, האָט מען אונדז געבראכט אין גמינע אויפן הויף. נעבן גמינע איז געווען ארומגעצאמט א גרויסער שטח אויף וועלכן ס׳האָבן זיך געפונען רוסישע פּאַנצער־אויטאָס אויף גומענע רעדלעך. אויפן הויף איז געשטאַנען אַ גרויסער טאַנק. וועגן דעם טאַנק האָבן די קריסטן דערציילט, אז ביי אים האָט מען אומגעבראַכט דאָס גאנצע שטעטלע. ס׳איז געווען אַ קליינע שטעטעלע, אַ יידישער דאָרף — האָט מען דאָס גאנצע שטעטעלע פארהרגעט ביים שלעפן דעם טאַנק אין גמינע אויפן הויף.

אלע טאַנקעטקעס און פאנצער־אויטאָס זענען געווען אין אַ גוטן צושטאַנד. ווי ס׳האָט זיך געפירט, האָבן די זשאַנדאַרמען מיט דער פּאָליציי זיך אוועקגעשטעלט זוכן הינער, פוטער, בראָנפן. אונדז האָט מען איבערגעלאָזן. אויסער מיר איז דאָרט געווען וועלוזקע קרופּסקי און נאָך עטלעכע. געוואָרן באלעבאטים אויפן פּלאַץ — האָבן מיר אָנגעהויבן באטראכטן יעדן אויטאָ. כ׳האָב פאָרגעלייגט אַ פּלאַן און אלע האָבן צוגעשטימט. כ׳האָב גענומען אַ האַמער און אין די צילינדערס פון יעדן מאָטאָר האָב איך געמאַכט לעכער. ס׳זענען דאָרט געשטאַנען ארום 40 מאַשינעס און איך האָב אלע באשעדיקט.

אין יענע צייטן האָט מען דערטראָגן וועגן מיר, אז איך פארנעם זיך מיט געווער. מ׳האָט מיך פאררופן אין יודענראט צום אָנפירער פון יודענראט הער האלפערשטיין.

איך בין אריינגעגאנגען צו אים.

„זעצט זיך."

האָב איך זיך אוועקגעזעצט אויפן שטול.

אגב אורחא, אין יודענראט האָט דאַן געאַרבעט אונדזער אַ שטעטלשער, לאזאר אַלשטיין. ער איז געזעסן דערביי. האלפערשטיין האָט אָנגעהויבן ריידן. דאָס געזיכט איז ביי אים געווען זייער ערנסט. ער איז געווען א נידעריק־געוואוקסיקער, ... און גייענדיק הין און צוריק רעדט ער: „איך ווייס ניט וואס מענטשן טראכטן? וואס קלערן זיי זיך? די גאנצע האָפענונג אונדזערע, דער גאנצער חלום איז, אז טאָמער וועט אפשר פארבלייבן איינער אויף צו דערציילן ... דער דייטש שטייט שוין אין סטאַלינגראַד. ער האָט שוין פארנומען סטאַלינגראַד (אזוי האָט מען דערציילט). גאנץ אייראָפּע האָט געקניט פאר אים (ער רעכנט אויס די אלע לענדער וועלכע דער דייטש האָט אָקופּירט)... און דא נעמט א מענטש! די ווייב מיט די קינדער האָט ער פארלוירן, טאטע־מאמע אויך. הפקר. אליין... און פארנעמט זיך מיט אַ פארזשאַ־ווערטן ביקסל. ער וועט געבן אַ שאָס!.. און וואָס וועט זיין מיט אונדז? מען וועט אונדז נאכער אומברענגען ביז איינעם. וואס טראכט זיך אזא מענטש? וואס קלערט ער זיך?"

איך האָב דאן געענטפערט:

„הער האלפערשטיין, איך האָב מער ווי אַ פארזשאַווערטן ביקסל און נאָך מער האָב איך מוט און ווילן. ווען איך וואָלט וועלן עפּעס אָפּטאָן אַ פּראָוואָקאציע, ווייסט איר דאָך אליין. דא ניט לאנג איז ביי אונדז אין ווארשטאַט געווען קובע, דער גענעראל־קאָמיסאַר פון ווייסרוסלאַנד. געקומען צו פאָרן צו גאַסט צום געביטס־קאָמיסאר אין לידע, אויף צו פראַווען הולאנקעס... און געווען איז ער ניט איין מאָל. שטענדיק פלעגט מען דעם אויטאָ זיינעם אריינשטעלן צו אונדז אין גאַראַזש. ניט איין מאָל האָט מען מיר געגעבן אָנציען די האַמולצעס, אויסרייניקן... און גאָר פיל מאל זענען אין זיין טעקסי געלעגן פיסטאָלעטן, מאשין־געווער און גראנאטן.

כ׳האָב יעדעס מאָל געקענט עפּעס טאָן און גאָר לייכט אומברענגען קובען מיט נאָך אָפיצירן און אליין אנטלויפן. אָבער יעדעס מאָל פלעגט מיך אויסשלאָגן אַ שווייס, אַ געדאַנק פלעגט ארויף אויפן זינען, אז צוליב מיר וועט עמעצער אומקומען אז צוליב מיר וועט עמעצער ביטער געטראָפן ווערן.

איך פלעג מיר דערמאָנען ווי דער טאטע האָט מיר די לעצטע מינוטן אָנגעזאָגט, אַ גייסטיקע צוואָה אזא: „ברוך, מיין זון, זאָלסט חס וחלילה ניט אָפּטאָן דאָס, וואס קען אַמאָל עמעצן שאַטן". איז הערט זיך איין, הער האלפערשטיין, כ׳וועל אויף קיין אופן דאָ ניט מאַכן קיין שום פּראָוואָקאַציע. ס׳איז ביי אייך אין די הענט. מען האָט אייך געמסרט אויף מיר, אז איך האָב געשאָסן פון אַ רעוואָלווער, וויל איך זיין

אויפריכטיק און דערציילן אייך, אז איך האָב אַ סך מער ווי אַ רעוואָלווער. אויב איר ווילט מיך איבערגעבן די דייטשן אין די הענט, ביטע.

כ׳גיב אייך מיין ערן וואָרט, אז כ׳וועל בשום אופן ניט ברענגען צו קיין פּראָוואָקאציע... און לאנג וועט איר שוין פון מיר ניט ליידן. אויפן חשבון פון וואַלד, פון הימל, פון פעלד, וועט זיך מיר אפשר איינגעבן עפּעס צו טאָן קעגן די דייטשן, בלויז אזוי וועל איך עס טאָן.

איבערן ניעמאַן צו די פּארטיזאנער

פיל מאָל פלעג איך אַראָפּנעמען די לאטעס און ארויסגיין אין שטאָט. ביי מיר איז אַ קריסטלעכער אויסזען. קיינעם וואָלט קיין מאָל ניט איינגעפאַלן צו טראכטן, אז איך בין א ייד.

איין מאָל אזוי ארומגייענדיק, האָט מיך דערזען אַ באקאנטער קריסט — אַ תושב פון דאָרף כאסטניצ׳ע, דרייצן קילאָמעטער פון דער צווייטער זייט שטעטל:

„ברוך, אַ, וואס מאַכסטו און וואָס הערט זיך? וואָס זיצסטו דאָ, ברוך? דו ווייסט, אז עס איז פאראן א פארטיזאנקע ביי אונדז״... און ער הויבט מיר אָן אויסצורעכנען באקאנטע קריסטן: ברידער קאזאך פון זיעמיאניצע, זשעלינסקי, שמוקשטע און אנדערע. „ברוך — זאָגט ער מיט זיין דאָרפישער התפעלות — אפילו אין 10 יאָר ארום, וועט דער דייטש די פארטיזאנקע ניט אויסכאפּן״.

נעם איך און דערצייל אים אויפריכטיק: „וועסט זען זשעלינסקין, וועסט זען שמוקשטען, זאָלסטו זיי דערציילן, אז ברוך האָט ביי זיך 11 ביקסן, גראַנאַטן און זאפּאלן, אלערליי טיילן, צוויי רעוואָלווערן און אַ פ.פ.ד.

פון יענער באגעגעניש מיטן קריסט פון דער פושטשע און פון מיין אויפריכ־טיקן אויסדערציילן אלץ פאר אים וועגן מיין געווער־אוצר, איז ווידער פארביי אַ שפּאָר ביסל צייט.

איין מאָל, שטייענדיק אזוי אין גאראזש, גייט צו מיר צו איינער אַ קצב, אליהו איליוטאָוויטש האָט ער געהייסן, און גיט א ווונק צו מיר מיטן אויג: „ברוך, קום אהער אַ ווײַלע״. בין איך צוגעגאנגען צו אים. זאָגט ער: „ברוך, גיי צו צו מיר אין שטוב אריין״.

איך בין צוגעגאנגען צו אים אין שטוב. די טיר איז געווען פארמאכט. איך האָב אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. אינעווייניק איז געשטאַנען מיין שוואגער, מיין פּרוי׳ס ע״ה ברודער, שאול שאכנאוויטש, מיט גראנאטן אויף זיך, מיט אַ ביקס אויף דער פּלייצע. עס איז דאָרט אויך געשטאַנען נתן פונט מיט א פ.פ.ד. מיט

גראנאַטן. דאָרט איז אויך געווען אַ דריטער, אויך אַ באוואָפנטער, וועלכן איך האָב ניט געקאָנט. אין קורצן האָבן זיי מיר געזאָגט: „ברוך, מיר זיינען געקומען דיך נעמען אין וואַלד אריין". פארשטענדלעך, אז דאס האָט אויף מיר געמאַכט אן אויסערגעוויינלעכן איינדרוק.

זיי האָבן מיר געגעבן צייט, אז ווי נאָר עס וועט פינצטער ווערן, ס'איז געווען אַ שעה אָדער אנדערהאלבן ביז פינצטערניש, דארף איך נעמען האק און פאק — און זיי האָבן געוווסט וויפל געוווער כ'האָב — און היידא, אוועק־געגאנגען. זיי האָבן מיר אויך געפרעגט, אויב איך קען נאר, מיטנעמען נאך מענטשן. — — —

כ'בין ארויס אויפן גאַס. ס'איז שוין געוואָרן פינצטערלעך און איך האָב נאָך ניט געהאַט אפילו גענוג מענטשן פאר דער צאָל ביקסן, וואָס כ'האָב פארמאָגט. האב איך געכאפט איינעם אַ יונגן־מאַן, איטשקע מאנסקי. היינט איז ער אין אמעריקע. „איטשקע, — זאָג איך אים, — „דו ווילסט ארויסגיין אין וואַלד? קריגסט אַ ביקס, קריגסט אלעס". זאָגט ער מיר: „ברוך לאָז מיר אריינגיין אין שטוב זיך געזעגענען" איך האָב אָבער שוין געוווסט די מעשיות: אַריינגיין אין שטוב זיך געזעגענען דאן איז גענדיקט מיט אלעם.

ער האָט צוגעשטימט צו גיין מיט מיר אָן אריינצוגיין זיך געזעגענען. אין דעם, גייענדיק, זע איך ניאָמקע באראן, זאָג איך אים: „ניאָמקע, ווילסט גיין אין וואלד?" זאגט ער: „יאָ, אבער כ'וויל אריינגיין זיך געזעגענען". ווי נאָר ער האָט געזאָגט — „יאָ, האָב איך אים אנעם געטאָן פארן קאָלנער, און געזאָגט „גייסט ביי מיר אין ערגעץ ניט. פון דאנען גייסטו".

כ'בין געקומען אויפן באַשטימטען פלאץ אין געטאָ, אזוי ווי מיר האָבן אָפגע־שמועסט. דאָרט האָב איך געטראָפן אַ מאַן, אַ פרוי מיט זייערס אַ קינד. שפעטער זענען זיי געוואָרן מיינע גאָר־גוטע פריינד. היינט זענען זיי אלע אין אמעריקע. דאס זענען געווען ד"ר מיאסניק, זיין טאָכטער, וועלכע איז שוין איצט אַ פראָפעסאר און די פרוי פון ד"ר מיאסניק.

כ'האָב געבראַכט צו שלעפן פון בוידעם די ביקסן. כ'האָב גלייך דערלאַנגט אַ ביקס גדל'קען, איטשקע מאנסקי א ביקס, הירשקע גראַזשעווסקין א ביקס, דעם דערמאָנטן ניאָמקע באַראַן אַ ביקס און נחום שיפּמאַנאָוויטשן אַ ביקס. מיט דעם הינטער־וועג זענען מיר ארויסגעגאנגען פון געטאָ. — — —

— — — ס'זענען שוין געשטאנען פרעסט, אָבער אָן שניי. עפעס אַ נייע הויט איז אויף מיר ארויף, זעענדיק ווי מען גייט צו, מען קלאַפּט אָן, דער פויער גייט ארויס און טוט וואס מ'הייסט אים. — — — מיר זענען געקומען צום ניעמאַן אין דער געגנט פון דאָרף זבלאַן. דער ניעמאַן איז געווען פארפרוירן בלויז טיילווייז,

אָדער ער האָט שוין באוויזן אָפּצוטייען. מיר זענען געשטאַנען און ניט געוווּסט ווי אַזוי גייט מען אַריבער אויפֿן אַנדער ברעג? אין דעם איז ליכטיק געוואָרן. פּלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ שיסערײַ. ווי איך בין שפּעטער געווויר געוואָרן, האָבן חברה, לוסטיג פריילעך, סתם געשאָסן. אונדזערע פירער, האָבן זיך פאַרלוירן. די נייע זענען פאַרצווייפלטע געבליבן שטיין ביים ברעג. ד״ר מיאַסניק האָט פאַר פאַרצווייפלונג אָנגעהויבן ברעכן מיט די הענט: „אוי, וואָס האָט מען געוואָלט פון מיר, וואָס האָט מען מיך געבראַכט אַהער?״ כ׳ווייס ניט פון וואַנען ס׳האָבן זיך ביי מיר גענומען פאַר אים טרייסט־ווערטער.

כ׳בין אַריבערגעגאַנגען דעם ניעמאַן אויפֿן אייז ביז איבערן בויך אין דעם וואַסער. צוליב די וואַרמע טעג איז אַוועק דאָס וואַסער אויפֿן אייז. כ׳האָב זיך צוריקגעקערט און גענומען ד״ר מיאַסניקס טעכטערל און אַריבערגעטראָגן. זיך ווידער אומגעקערט און גענומען זיין פרוי אויפֿן פּלייצע, אַזוי ווי אַ קליין קינד. כ׳האָב זיך אַ דריטן מאָל אומגעקערט און גענומען דעם דאָקטאָר און איבער־געטראָגן אויפֿן צווייטן זייט.

אין אַ ווײַלע אַרום, שוין אויפֿן צווייטן זייט, האָבן זיך אָפּגעפונען די חברה, וועלכע זענען מיטגעגאַנגען מיט אונדז. אונדזערע וועגווייזער האָבן אונדז אַוועק־געפירט אין פּאַרטיזאַנישן טייל, וועלכער איז דאָרט איינגעשטאַנען. דאָס איז געווען דער אָרלאַנסקער אָטריאַד. — — —

אין די טיפעניש פון וואַלד

אויף מיר האָט געיובלט די לייב. כ׳האָב אָנגעהויבן טיילן די איבעריקע ביקסן. כ׳האָב דאָרט געטראָפן איינעם פון דער משפחה, טשעמערינסקי. כ׳האָב אים געגעבן אַ ביקס. כ׳האָב געהאַט ביי זיך זעק מיט טיילן צו געווער. אויך דאָס איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער „נדן״, ביים קומען אין דער פּאַרטיזאַנקע. כ׳האָב דאָרט געטראָפן פיל יידן פון דעם שטעטל זשעטל, צווישן זיי האָב איך אויך געהאַט אייניקע באַקאַנטע.

כ׳האָב דאָרט אויך געטראָפן א יינגעלע פון אונדזער שטעטל, שלמה׳לע שיפּמאַנאָוויטש ע״ה. דער שלמה׳לע איז געווען אַ בלאָנדער, באַרוועס, אָפּגעריסן און האָט אויסגעזען ווי אַ שייגעץ. אַ דאַנק דעם, איז אַט דער יידישער בחור׳ל געווען אַן אויסגעצייכנטער פאַרבינדלער איבערצוגעבן פאַרשיידענע ידיעות פון איין טייל אין אַ צווייטן. די געגנט האָט שלמה׳לע געקענט אפילו בעסער פאַר די דאָרפישע, וואָס זענען דאָרט געבוירן געוואָרן. מיט אונדז איז געקומען זיין ברודער נחום וועלכער איז לעבן געבליבן און געפינט זיך איצט אין שטשוטשין. — — —

— — — אויף די מעכאניזמען צו די מינעס האָט מען מיר, סוף פרילינג פון יאָר 1943, אָנגעהויבן האַלטן אפשר פארן גרעסטן פאכמאן אין אלע פארטיזאנישע אטריאדן ארום און ארום.

געשען איז עס אזוי.

מיר זענען ארויס אויף אן אויפגאבע אין ניט קיין גרויסער גרופע, פון אכט אָדער ניין מאן. אלע, אויסער מיר זענען געווען מאָסקווער. אויפן פּלאַץ זענען מיר אָנגעקומען אין דער פרי און מיר האָבן געדארפטווארטן ביזן אָוונט, כדי ארויסצוגיין אויף דער באַן־ליניע. מ׳איז געלעגן און זיך געלאנגווייליקט, געדרימלט, געשלאָפן, סתם געפּוסט און פאסעוועט. די מינע האָט געטראָגן איינער, וואַנקא טרובאטש.

אזוי ליגנדיק אַ גאנצען טאָג, בין איך געוואָרן נייגעריק, וואָס פאר א פלאי־פלאים שטעקן אין דעם מעכאניזם פון דער מינע, וועלכע האָט געהייסן „פּראָטיוואָ־פּאָיעזדנאַיא מינא״ (א קעגן־באַן מינע). די מינע איז בעשטאנען פון א קעסטעלע וועלכע עס האָט געהאַלטן וואנקא טרובאטש. דער אויפרייס־מאַטעריאַל, וואס מען האָט ארויסגענומען פון מיינע באָמבעס האָט זיך געפונען אין אַ זאק. וואנקא איז געשלאָפן. כ׳האָב ארויסגענומען די קעסטעלע און האָב זי אנגעהויבן באטראכ־טן. כ׳האָב געקוקט און געקוקט. דער טאָג איז געווען גרויס. אַ ביסל פארשטיי איך זיך אויף מעכאנישע זאכן, און מיר איז מיט אַ מאָל איינגעפאלן, אז די פאראייניקונג (די מינע איז געווען אן עלעקטרישע), איז דאָרט ניט קיין ריכטיקע און אז דער פארטיזאנער וואָס וועט איר אוועקלייגן אויף די רעלסן, וועט זיך אליין אויפרייסן.

כ׳בין געוואָרן אויף אזוי פיל זיכער אין דעם, אז כ׳האָב געוומען וועקן טרובאטשן:

„וואנקא, זע, עס איז א טעות.״

ער האָט אָנגעשטעלט אויף מיר אַ פאר פארשלאָפענע אויגן: „וואס האָסטו אָנגערירט? מען וועט דיר דערפאר שיסן ווי אַ הונט. לאז עס אָפּ.״

איך אָבער האָב געטענה׳ט דאס מייניקע: „עס איז אַ טעות, מיר וועלן בלויז זיך אליין אויפרייסן.״

וואנקע טרובאטש רעדט צו מיר מיט די אויגן, מיט די הענט, שושקעט מיר: „ברוך, באָריס, גאט באהיט, ריר ניט אָן, וייסט גאָרניט וואס פאר אַ געפאר דאָ שטעקט.״

אין דעם האָט דאנאוויטש דערהערט, אז דאָ קומט עפּעס פאָר.

ער האָט זיך אָנגעהויבן דערגרונטעווען וואס און ווען.

דערציילט אים טרובאטש, אז ברוך דרייט עפּעס אַ קאָפּ מיט דער מינע. דאנאוויטש האָט ארויסגענומען דעם רעוואָלווער, חשק דערצו האָט ער דאָך שוין

פון לאַנג געהאט: „כ׳שיס דיך באלד ווי אַ הונט! מיט וואס פאר א רעכט רירסטו זיך גאר צו צודעם. דאס איז דיין עסק? דו האָסט געזען אזא מינע אין דיין לעבן? אין חלום האָסטו דאס ווען ניט איז געזען?״

איך האָב זיך געהאַלטן ביי דאָס מיינונג. צום סוף האָב איך זיי ארייגעפירט אין אַ ספק. אַז מ׳האָט דערלעבט די נאַכט, איז אַנשטאָט צו גיין צו דער באַן איז מען אוועק צוריק אין אטריאד אריין. שטענדיק, ווען מיר פלעגן דורכפירן אן אויפרייס, פלעגט מען אין אטריאד וועגן דעם געוויר ווערן נאָך פאר אונדזער אנקומען און מען פלעגט אונדז ביים אנקומען ארויסגיין באגעגענען. דאָ איז געווען שטיל, רואיק, מ׳האָט אונדז ניט באגעגנט.

דאנאוויטש איז אריין צום קאָמאנדיר, צו קאוואלאָוון, און אין אַ ווייל ארום האָב איך דערהערט:

„באָריס, קום ארײַן.״

קאוואלאוו האָט אָנגעטאן די ברילן, געעפנט די מינע און זאָגט צו מיר:

„נו, ברוך, קום אהער. פון ווען אָן ביסטו געוואָרן אזא פאַרשטייער, אזא ווייסער? וואס פאר אַ טעות זעסטו דאָ?״

נעם איך אים אויפווייזן — ניטאָ די פאראייניקונג פון דאנען אהער און פון דאָרטן אַהין. אין דער רגע, ווען מ׳וועט ארײַנשטעלן דעם דעטאָנאַטאָר, וועט פאָרקומען דער אויפרייס און וועט אומברענגען דעם פאַרטיזאַן, וואס וועט זיך פארנעמען מיטן שטעלן די מינע.

„ביסט גערעכט,״ האָט מיר קאוואלאוו געזאָגט, אַ פאַטש טוענדיק מיר איבערן פלייצע, „אויב דו ביסט שוין אזא חברה׳מאן, ביסטו פון היינט אָן פאראנטוואָרטלעך פארן גאנצן ענין מינעס.

כ׳האָב זיך נאָך דעם באמת דערפילט ווי אַ פיש אין וואסער אין אלץ וואָס האָט אנבעלאנגט צום מינירן.

אַ מינע האַרט פאַרן אָנקומען פון עשאַלאָן

— — — דאס מינירן איז וואס א טאָג געוואָרן אלץ מער און מער קאָמפּלי־צירט. די דייטשן און זייערע מיטהעלפער פלעגן האַרט ביי די רעלסן אנוואַרפן שטיינדעלעך און געמאכט אויך אַנדערע סימנים. שפעטער אויב זיי האָבן באַמערקט, אז די שטיינדעלעך זענען ניט אויפן ריכטיקן אָרט, האָבן זיי שוין פארשטאַנען אז עפעס איז דאָ ניט גלאטיק. זיי פלעגן נאכקוקן אויב עס זעט זיך ניט ארום דער ליניע קיין פריש אויסגעגראָבן גריבל. אויך מיר האָבן זיך אָבער ספּעציאַלי־זירט ביים מינירן. דעמאָלט בין איך שוין געווען דער פאראנטוואָרטלעכער פארן

מינירן, דער ערשטער נומער. די סיסטעם איז געווען אזא — איינער איז געגאנגען מיט אַ פלאַשטש־פּאַלאַטקע (ברעזענט) און פלעגט עס איבערוואַרפן איבער די רעלסן, אויפן אָרט ווו מ׳האָט געדארפט אונטערלייגן די מינע.

ביים אונטערלייגן די מינע אונטער די רעלסן, האָב איך זיך אויסגעלערנט אזוי קונציק אוועקצושאַרן די פריש־אויסגעגראָבענע ערד, אז ווען מיר קומט פאר, וואלט איך אליין שפּעטער אויך ניט געוווּסט ווו איך האָב געשטעלט די מינע. די דייטשן פלעגן אויך אויסהאַקן דעם גאנצן ראנד פון וואַלד וואָס איז צוגעגאנגען נאָענט צו דער באַן־ליניע, און איבערלאָזן אויפן פּלאַץ די קלעצער. שפּעטער האָבן זיי אָנגעהויבן אויסהאַקן דעם וואלד און פלעגן אָפּפירן פון דאָרט די קלעצער. ס׳איז געוואָרן שווער ארויסצוגיין אויף דער באַן־ליניע מיט אַ גאנצער גרופּע. מיר האָבן אָנגעהויבן ארויסשיקן פאָרויס אַ ראַזוויעדטשיק (אויסשפּירער). זאָל ער געוווירר ווערן, וואָס עס טוט זיך אויף דער באַן־ליניע. ער פלעגט זיך אוועק־שטעלן, וואָס נענטער צו דער ליניע, 100 מעטער און נאָך נענטער און צוהערן זיך און ארומקוקן זיך וואס דאָרט קומט פאָר. יעדער מענטש קוקט אָבער אויף אלץ מיט זיינע אויגן, גאָר אינדיווידועל. דער באריכט וועלכן מיר פלעגן יעדעס מאָל קריגן וועגן מצב אויף דער באַן־ליניע, איז דעריבער געווען אַ סוביעקטיווער, אָפּהענגיק פון דעם כאראקטער פון מענטש, וואָס איז ארויס אויף דער ליניע.

ויהי היום, איין מאל ליג איך מיר אזוי אויפן אָנשיט און גראָב, כ׳האָב געהאט דערצו אַ ספּעציעלן רידעלע, כ׳האָב שוין צוגעגרייט דעם פּאקעט און אים געוואָלט פארבאהאַלטן, מיט אַ מאָל, איך הער מען זאָגט: „ניעמצי אידוט״. איינער וועלכער איז געשטאַנען און געהיט פון רעכטן פליגל, דימקע, האָט מען אים גערופן, — הערענדיק ווי אזוי די טעלעפאָן־סלופּעס זשומען זייער אומאויפהערלעכן ניגון האָט ער געמיינט, אז דאס ריידן זיך איבער די דייטשן. דימקע האָט עס איבערגעגעבן אַ צווייטן, דער צווייטער נאָך איינעם און אזוי איז עס צוגעגאנגען צום דעסאנטלער, וועלכער האָט געהאַט אריבערגעדעקט די מינע מיט דער פלאַשטש־פּאַלאַטקע. ער האָט א נעם געטאָן די פלאשטש־פּאלאטקע פארן ברעג, אויסגעקערט די זאמד און מען האָט זיך גענומען אָפּטראָגן. דערביי האָט ער אויך צוגענומען דעם רידעלע. איך בין פארבליבן מיט הוילע הענט און מיט די נעגל האָב איך צוריק ארויסגע־גראָבן די מינע. כ׳האָב נאָר באוויזן אָפּצוגיין איניקע צענדליק טריט, איך זע ס׳גייט אָן אַ צוג. פון פארדרוס האָט מיר פארקלעמט דאָס האַרץ ביז טרערן.

געקומען צוריק האָט דער קאָמאַנדיר, ווי געוויינליך, מיר געהייסן דערציילן, ווי אזוי, וואס און ווען? כ׳האָב דערציילט, ווי דאס איז געווען, און אז דימקע. וועלכער האָט זיך געהאַלטן פאר אַ יחסן, ווייל ער איז געווען פון די סאָוויעטישע

גבויטן, האָט דער ערשטער אַ זאָג געטאָן, דייטשן גייען, און זיך גענומען אָפּטראָגן. דימקע איז דערפון געוואָרן זייער אויפגערעגט, ער האָט גענומען שיכורן און האָט פאר אלעמען גערעדט, אז זיין לעבן איז איצט גאָרניט ווערט נאָך אזא שאַנדע. ברוך, דער זאפאדניק, דער ייד, זאָל אויף אים אזוי זאגן. „מיין לעבן איז גארניט ווערט" — פלעגט פאַרענדיקן דימקע — „כ'וועל שיסן ברוכ'ן און וועל זיך אליין דערשיסן". עס האָבן זיך שוין איינגעפונען גוטע ברידערלעך, וועלכע זענען מיר געקומען אונטערטראָגן: „ברוך, פאָלג מיר, טראָג זיך אָפּ. ברוך, קיין גוטס וועט פון דעם ניט ארויסקומען". כ'האָב דאן געשפּילט עפּעס אַ מאָדנעם קאָרט. כ'האָב זיך ניט איבערגעשראָקן, אָבער דער פאַרדרוס צוליבן באַן, וועלכן עס איז ניט געלונגען אויפצורייסן, האָט מיך ניט אָפּגעלאָזט שיינע עטלעכע טעג.

קורץ נאָך דעם רופט מיך גארעליק און זאָגט צו מיר: „ברוך, דו ווילסט גיין אויף אַ זאדאניע?" ענטפער איך, אז איך וויל, אָבער בלויז מיט איין באדינג.

„וואס זיינען דיינע תנאים?"

„כ'וויל קיין סך מענטשן ניט. כ'קען אליין אויספירן די אויפגאבע פון אַראָפּ־לאזן אַ באַן. וואס קנאַפּער עולם, אלץ גרעסער די שמחה. זאלבעצווייט איז גענוג און איבער גענוג.

גארעליק האָט מיר צום סוף פונדעסטוועגן געגעבן נאָך דריי מענטשן. מיר האָבן ארויסגעמארשירט זאלבעפערט: איך, וואנקע טרובאטש, דער דערמאָנטער דימקע, וועלכער האָט געטענהט, אז ער וועט מיר שיסן און מישקע דזיערבוק, דער זעלבער מישקע דזיערבוק, וואס האָט מיר געהאָלפן געפינען די אַוויאַציע־באָמבעס. כ'האָב די גרופּע געבראַכט צו אַ פולסטאַנעק 4—5 קילאָמעטער פון זשעלודאק, אויפן וועג זשעלודאק־שטשוטשין. בעת מיר זענען אנגעקומען, איז שוין צוגעפאלן דער אָוונט. מיין פּראקטיק האָט מיר דעמאָלט שוין געהאָט געוויזן, אז די בעסטע צייט אויף אַ שטיקל ארבעט איז געוועזן פארנאכט.

כ'האָב מיינע באגלייטער געלאָזן שטיין מסתמא אַ 100 מעטער פון דער באַן־ליניע. מיינע דאָזאָרן (די וואָס אָבסערווירן דעם ארום) זענען געווען מישקע און דימקע. וואנקע טרובאטש האָב איך איבערגעלאָזט אָבסערווירן דירעקט די ליניע, וועלכע איז געגאנגען הויך אויפן אנשיט. כ'האָב זיך גענומען גראבן אונטער די רעלסן. אין סאַמע מיטן גראָבן טוט מיר אַ זאָג וואנקע טרובאַטש: „ברוך, פּאַיעזד אידיאָט" אזוי ווי מען זעט עס אין קינאָ, האָב איך דערזען ווי דער באַן גייט אָן אויף מיר און ער נעמט ווערן גרעסער און גרעסער. ער איז אנגעקומען פון דער לינקער זייט, פון דער ריכטונג פון מאסטי. דאָס האָט באדייט, אַז ער גייט פון מערב אויף מזרח, צום פראָנט.

כ'האָב וואנקען אַ ווייז געטון מיטן פינגער, ער זאָל פארבלייבן שטיין שטיל, רואיק, זיך ניט באַוועגן. צו דזיערבוקן האָב איך אַ זאָג געטאָן: „שטיי און קוק

אין געהאקטע ווונדן״. כ׳האָב זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני, אונטערגעלייגט די מינע, אזוי ווי עס געהער צו זיין... און די באַן קומט צו אלץ נענטער און נענטער. כ׳האָב אראָפּגעשאַרט די גאנצע זאמד, געגעבן אַ צייכן מיטן פינגער מיינע באגלייטער, זיי זאָלן זיך אָפּטראָגן. כ׳האָב זיך קוים באוויזן אראָפּצוקייקלען פון דעם אָנשיט און צוצולויפן צו די ערשטע ביימער ביים ראַנד פון וואלד, ווי עס האָט דערלאַנגט אַ דונער און אַ קראַך... כ׳האָב באשיינפערלעך געזען ווי די פלאַט־פאָרמעס מיט טאַנקען האָבן געקנאַקט איינע אין די אנדערע און זיך אויפגעשטעלט דיבאָם.

פון די וואגאָנעס, אין וועלכע ס׳האָט זיך געפונען די וואַך פון עשאַלאָן, האָט זיך אָנגעהויבן אַ שיסעריי אין דער ריכטונג פון וואַלד. אז מיר זענען אָפּגעלאָפן שיינע הונדערט מעטער און די שיסעריי האָט אונדז נאָך אַלץ פאַרפאָלגט, איז דימקע ארויפגעפאלן אויף מיר און אָנגעהויבן מיך קושן און האַלדזן. ער, וועלכער האָט מיר דא ניט לאנג געדראָט צו שיסן, האָט מיר אויסגעקושט אלע גלידער. די פרייד און די שמחה איז געווען גרויס. — — —

מיין טאָג־טעגלעכע פרנסה

אראָפּלאָזן דעם שונא׳ס באנען איז געוואָרן מיין טאג־טעגלעכע פרנסה.

מיר איז אויסגעקומען זייענדיק אין דער פארטיזאַנקע, אריבערצוגיין פון בריגאדע צו בריגאדע. איינע פון מיינע שענסטע תקופות אין פארטיזאנקע איז געווען אין ליפעטשאַנסקער פושטשע. דאָרט האָב איך געהאָט פארטיזאַנישע פארבינדלער צווישן דער פוילישער באפעלקערונג. זיי האָבן מיר געגומען פירן צו דער באַן. אַ מאָדנע זאַך, דאָס איז געווען אין מיטן זומער 1943 און די באַן־ליניע איז געווען גאר שוואַך באוואכט. דעמאלט איז מיר געלונגען אראָפּצולאָזן, איך געדענק ניט געגוי, דריי אָדער פיר באַנען. בעת מיין לעצטער דיווערסיע אויף דער ליניע ווארשע־לידע, איז די ליניע געווען פאראליזירט כמעט דריי מעת־לעת. 62 שעה איז אויף דער באַן־ליניע גאָרניט געפאָרן. שוין שפעטער האָב איך זיך דערוווסט, אז דאָס איז געווען אין פעריאָד פון דער גרויסער דייטשישער אָפענסיווע אויפן פראָנט ביעלגאָראָד־קורסק און די באַנען, וואָס זיינען געגאנגען דורך אונדזער געגנט, האָבן געאיילט צום דערמאָנטען פראָנט.

אין מיין פרייער צייט פלעג איך זיך פארנעמען מיט פארשיידענע ארבעטן. גאָר אָפט פלעג איך רעמאָנטירן געווער. דאס האָט מיר דערמעגלעכט צו העלפן אַ סך יידישע חברה, וואָס זיינען אָנגעקומען אין די וועלדער אָן געווער אין די

הענט. אין אטריאד „איסקרע״ האָב איך געטראָפן א סאך בעקאנטע חברה פון לידע.

אין ביעלסקער אָטריאד האָב איך דאָן געטראָפן אויך משה בייראך, וועלכער איז געווען ביי אונדז אין שטעטעלע פון 39־סטן יאָר, נאָכן אויסברעכן פון דעם פויליש־דייטשישן קריג. משה בייראך האָט דאָן געהאָט בלויז טיילן פון אַ ביקס מיט זיך, און איך האָב אים דערגענצט און צוגעפּאַסט די טיילן, וואָס האָט אים געפעלט.

מיר איז שווער אויסצורעכנען אלע פארטיזאנישע אַקציעס פון גיין צו דער באַן, ווי אויך קאַמפן, אין וועלכע איך האָב אָנטייל גענומען. אָבער שוין אין סוף 1943 האָבן זיך אין דער גאנצער געגנט ארום און ארום, און דער עיקר אין ראַיאָן פון זשעלודאק, ווו אלע האָבן מיר געקענט, פארשפרייט קלאנגען און מעשיות אָן א שיעור וועגן מיינע מעשים. דער עיקר האָבן אָט אזעלכע מעשיות פונאנדערגע־בלאָזן די מיעשטשאנעס פון שטעטל און פון ארום שטעטל, וועלכע האָבן אלע, אין אזא אָדער אנדער אופן, אנטייל גענומען אין קריוודען די שטעטלשע יידן. — — —

עפּילאָג

ביים אָנהויב פון קריג בין איך געווען אַ ביסל ווייטלעך פון יידישע נאַציאָנאַלע אידעען, פון ארץ־ישראל און פון ציוניזם. כ׳בין אָבער געווען אַ ייד מיט אלע מיינע גלידער, מיט לייב־און־לעבן, אויף מיין יידישן וועזן האָט געלייגט דעם שטעמפל אויך ווילנע, ווו כ׳האָב זיך געלערנט פון יאָר 1923 ביזן יאָר 1926. איך האָב מיין כאראקטער, מיין יידישן כאראקטער, פאָרמירט אין דער ווילנער פאך־שול „אָרט״, וועלכע כ׳האָב פארענדיקט אין יאָר 1926. ווילנע מיט איר ספּעציעלער מענטאַליטעט, מיט איר פאָלקס־חן האָט אין מיר אזוי ווי אריינגעגאָסן מענטשלעכ־קייט, שעפערישקייט, אינציאטיוו, מוט און ווילן. ווילנע האָט מיך דערצויגן. מיין ווייטערדיקע, מ׳קען זאָגן, ציוניסטישע דערציאונג, האָב איך באקומען טאקע אין וואַלד. אין געטאָ און אין וואַלד האָב איך זיך אויסגעקריסטאַליזירט אין נאַציאָנאַלן זין. דאָרט האָב איך אויך באשטימט אז, אָדער איך וועל זיין מיט יידן, כדי צוזאמען צו שאפן עפּעס, אָדער כ׳וועל אינגאנצן ניט זיין. אין פארטיזאנישן אטריאַד איז אויסגעקומען אָפּצוגעבן אַ פארטיזאנער־שבועה, אין וועלכער מ׳האָט געדארפט זאָגן: — „איך, אַ זון פון ווייסרוסישן פאָלק, שווער נקמה צו נעמען...״ און אַזוי ווייטער.

כ׳בין מסכים געווען מיטן גאנצן טעקסט פון דער הויך־מענטשלעכער שבועה. דאָרט זיינען דאָך געווען ווערטער וועגן נקמה פאר אומגעבראַכטע פרוי און קינדער, פאר מיין פארברענטער שטאָט, פאר אומגעבראכטע עלטערן און דאס

גלייכן. אלץ איז געווען ריכטיק און נאָך אַ מאָל ריכטיק און ריכטיק. איך אָבער בין דאָך ניט געווען קיין זון פון ווייסרוסישן פאָלק.

נאָך אין סוף 1943 האָט מען מיר צוגעשטעלט צו דער העכסטער פּאַרטיזאַני־שער און מיליטערישער באַלוינונג „העלד פון ראַטנפאַרבאַנד״. צוליב דעם וואָס כ׳בין פרי אוועק פון יענע ערטער, כדי צו פאָרן קיין ארץ־ישראל, האָב איך די באַלוינונג ניט באַוויזן צו קריגן.

כ׳האָב אָבער אַ פּאַרטיזאַנישן דאָקומענט, אין וועלכן עס ווערט גערעדט וועגן דער באַלוינונג און אין וועלכן ס׳זענען אויסגערעכנט אַלע מיינע אויפטוען.

פסיה בירך (לויט)

מבין צפרניהם הדורסות

ביתנו

בבואי לספר מעט־מזער ממה שעבר עלי ועל ביתנו בימי השואה, הרי לא על ביתנו בלבד אספר, אלא גם על בתי זולתנו. שכן רבים היו הבתים בעיירות גם בימים שלפני השואה, אשר צביון אחד להם, ובימי השואה, גם משפט אחד — משפט החמס ואין־המפלט, מבין צפרניהם הדורסות.

מוזר הדבר, אולם פעמים בשמעי מאחד העדים סיפור מן הימים ההם, או בקראי דברי עדות מן הכתוב, מתמלאת אני דריכות גדולה, כאילו אגדת־אימים כתובה שומעת אני, ובאותו רגע אשכח לחלוטין, כי המדובר הוא במסות־חיים, אותן חזיתי גם אני, מסות שהיו אולי קשות ומרות יותר מאלו שמסופרות לפני. אולם את המסופר והכתוב מקבלת אני תמיד, כאילו נתגלו, זה עתה לראשונה — הדבר רק מוכיח, כי כל אשר עבר עלינו בעתות השואה הוא כל־כך איום ואינו מתקבל על הדעת, עד שפעמים קשה לנו להשלים, כי אכן מציאות היו בזמן מן הזמנים. ואנו מופתעים לשמעם, כמו דברים, פרי רוחו של סופר, מתאר זוָעות, שהם מחוץ לגדר המציאות.

ביתנו, כבתים רבים בעיירות היה בית ציוני. אבא, יהודי ירא־שמים היה אך ידע למצוא מזיגה נאה בין הדת והציונות המתקדמת. שומר מצוות ולומד תורה, ובד־בבד גם מקפיד על חובותיו לתקומת העם, שנטלן על עצמו מרצון ומאהבה — שקל, קרן־הקיימת וקרן־היסוד וכו׳.

היתה לנו חנות לבדים ולבגדים, שאבא ואמא החזיקו בה. העבודה בחנות היתה מרובה, אך זוכרת אני כי לפנות ערב היה אבא משאיר את הכול וממהר לבית־הכנסת כדי ללמוד דף גמרא או פרק משניות עם הרב ועם בעלי־בתים אחרים. בערבים היה עובד בהתנדבות ובאורח חלקי בבנק היהודי כקופאי. הבנק היה בהנהלתו של שמואל לוין ז״ל, הדגול והנערץ על כל אנשי העיירה. לאחר־מכן כשהבנק גדל והתרחב וזקוקים היו לקופאי, במשרה שלמה, נכנסתי אני לתפקיד זה. שנים מספר הורה אבא לימודי דת את ילדי היהודים שבבית־הספר הפולני הממלכתי.

אני עצמי פעילה הייתי ב„החלוץ הצעיר״, ושתים מאחיותי הבכירות, יפה ורבקה, כבר עלו לארץ־ישראל. הקשר עם ארץ־ישראל היה, איפוא, גם קשר משפחתי, והבית בית־ועד לחלוצים ולשליחים ולפעולה ציונית ענפה. אחותי השלישית, ברוריה, שגם היא גדולה היתה ממני בשנים, יצאה עם פרוץ המלחמה בדרכי־נוֹד,

אל ריכוזי החלוצים בווילנה, כדי למצוא דרך לעליה. גם אני גופי ניסיתי ללכת בדרך זו, אולם השעה לא שיחקה לי וחזרתי לז׳לודוק.

בימי המצוקה והיאוש, יכולנו לשמוע מדי פעם מפי אמא ואבא באָמרם דברים שיש בהם גם הד של נחמה פורתא:

„על עצמנו לא צר לנו, אנחנו הרי את מרבית חיינו כבר עברנו, צר רק על הילדים, שנגזר עליהם דין כזה, אולם אסור לנו להתאונן: גורלנו טוב בכל־זאת משל אחרים — אנחנו הן זכינו ושתי בנותינו הגיעו אל החוף הנכסף — לארץ־ישראל; הרי רוב המשפחות בעיירה, גם שֵם וגם זכר לא יישאר להן״.

גורלה של ברוריה, שגם היא הגיעה בינתים לארץ־ישראל, לא היה ידוע לנו בימים ההם. גם על גורלו של אחינו, זיידל׳ה, אשר ברח לרוסיה עם פלישת הגרמנים, לא ידענו דבר. רק לאחר השחרור נודע לנו שהגיע בנדודיו לטשקנט. נער היה עדיין וסֵבל רב ידע — רעב ומחלות. הוא גויס לאחר־מכן לצבא־האדום ונשלח לחזית. בשנת 1944, כשיצאנו מן היערות קיבלתי ממנו כמה מכתבים, מכתבים מלאי יגון על כל אשר באָנוּ, אך יחד עם זאת היתה בהם גם גאוָה כי הנה ניתנה לו הזכות לנקום במשמידי עמנו. ליום הנצחון לא זכה זיידל׳ה להגיע. הוא נפל בקרב על קניגסברג, שלושה שבועות לפני גמר המלחמה ותהיינה שורות אלו נר לזכרו.

עם רצח העשרים־ושנים

ארוכים עד מאד הדברים ויקצר המצע מלספר על כל ההתרחשויות בעיירה. אתחיל, איפוא, מן ההלם אשר ירד עלינו עם הירצחם של ה־22.

באחד הימים הגיעה לז׳לודוק קבוצה של גרמנים שהשתכנה באחוזה שעל־יד העיירה. גרמנים אלה באו, בעצם, כדי לנוח באחוזה. כביכול, לשם קייט באו, ותו לא, והם ראו, כנראה, במעשי רצח והתעללות חלק ממנוחתם ומשעשועיהם. הם פנו, איפוא, ליודנראט בפקודה, כי ישלחו לאחוזה 40—50 איש למלא עבודות שונות... הפקודה נתמלאה, כמובן, והיוצאים לעבודה עמדו בנסיונות מרים יום־יום...

באחד הימים פשטה שמועה בגיטו, כי גרמנים אלה שבאחוזה מתכוונים לדרוש גם בחורות לעבודה. הבהלה בין היהודים גדלה מאד. הנערות החלו להסתתר; רבות מאתנו הסוו את עצמן כנשים זקנות ומכוערות, קושרות היינו את המטפחות לראשינו כמו סבתות; מלכלכות היינו את הידים והפנים וכך נהגנו לצאת לעבודה בשדות — לאיסוף תפוחי־האדמה. טורחות היינו להסתיר את עצמנו בין השיחים, שלא ניראה יותר מדי ולא נזדקר לעינים. כך נהגנו כמה וכמה ימים — עד שהופיעו בבוקר אחד אנשי גיסטאפו אלה, נכנסו לגנים שמאחורי הבתים, מקום עבודתן של הנערות והם הכריזו, כי צריכים הם חמש בחורות צעירות ונקיות; פחד גדול נפל על כולנו.

כל אחת השתדלה אמנם להיסתר ככל האפשר, אולם הם עברו בין השורות והסתכלו בכל אחת מאתנו. ואף שנעוות־מראה היינו בחרו בכל זאת חמש בחורות. בין חמש אלו היתה גם גניה וויינשטיין ואני. לא ידענו מה כונתם ופחד גדול אחז אותנו.

הם ציוו עלינו ללכת אחריהם וכך הביאו אותנו אל האחוזה ופיקדו עלינו להמתין כאן ניתן לנו לראות, כיצד מתעללים הם בעובדים מקרב היהודים, אשר גויסו לעבוד כביכול באחוזה. מראות זועה שאין לתארם נתגלו לעינינו, לראות יכולנו הכול, אולם לדבר עם הגברים אסור היה לנו.

הם הביאו אותנו למטבח והושיבונו לקלף תפוחי־אדמה ואנחנו בראותנו, כי זו תכליתם, נשמנו בינתים לרוחה. לכל אחת מאתנו ניתן רשיון לצאת מן הגיטו וכל בוקר היינו באות אל האחוזה לעבודתנו. היחס שלהם אלינו היה אדיב. זוכרת אני, כי היה בהם אחד, שאפילו טרח כי נאכל לשבעה. מתייצב היה ומשגיח שלא ניתפס בזמן האוכל ואגב כך היה מדובב: „פרעסט, פרעסט!" כלומר, זיללו, זיללו!

כל זה נתרחש בחודש הראשון לבוא הגרמנים. אנחנו כבר „קושטנו" בטלאי הצהוב אך היו מקרים שחיילים, מאלה שהלכו לחזית, היו עוברים על פנינו ואומרים:

„למה לכם הסמרטוט הזה, תזרקו אותו!"

מה היתה כונתם באמירה זו לא ידענו. אולם קלי־אמונה שבינינו מצאו בכך אסמכתא ונחמה, כי הנה ישנם אפילו גרמנים המתייחסים בזלזול לטלאי והיו מבינינו ואף אני בהם שהתחלנו גם אנו לזלזל...

יום־יום משכימה הייתי לצאת לעבודת המטבח שבאחוזה, לפי הרשיון המיוחד שניתן לי ויום־יום הוסיפו הגרמנים לקחת בחורים לעבודת־ההתעללות שבאחוזה. באחד הבקרים, כשיצאו הגרמנים לבדוק את העובדים, מצאו הם עשרים־ושנים מביניהם שלא הקפידו על הטלאי הצהוב. את כל אלה הם ערכו בקבוצה וציוו עליהם לעבור על־פני האחוזה בתהלוכה מיוחדת. לא ידענו מה פירושה של תהלוכה זו, שגם תזמורת־חיילים נתלוותה אליה. הם עברו ליד המטבח, בו עבדנו, והדבר התמיה אותנו במקצת, אולם רגילים היינו בימים ההם לדברים תמוהים ולא חשדנו, איפוא, כי זאת עתידה להיות תהלוכת־מוות. המשכנו על־כן לעבוד כרגיל.

מקץ שעה קלה שמענו מטחי יריות, שהגיעונו מקרוב וחרדה גדולה אחזה אותנו. הלב ניבא רעות וידינו כמו שותקו. עודנו עומדות ותמהות נפתחה פתאום הדלת ולמטבח נכנס אחד הקצינים. תחילה הסתכל מסביב ואחר־כך פנה אלי וקרא:

„איה הטלאי שלך?"

לכל שאר הבחורות היה טלאי על הבגד ואילו אני הגעתי לעבודה בלי טלאי. היתה בי איזו גישה של חוסר־זהירות ואבא היה תמיד מזהירני:

„אל תהי גיבורה מדי ואל תסמכי על נסים".

אולם אני, בזמן הראשון, מתביישת הייתי משום־מה לענוד את הטלאי ולא פעם נהגתי זלזול בענין זה.

„שכחתי לענוד אותו היום" עניתי לקצין.

„בואי אתי!" אמר.

משיצאתי ראיתי, כי בחוץ עומדים עוד חמישה חיילים. הקצין הלך בראש, אני אחריו והחיילים היו כמלווינו. לא ידעתי לאן הם מובילים אותי. לאחר שעברנו כברת דרך נתגלה לפני המראה. — בור גדול ובתוכו וגם לידו אנשים הרוגים. הייתי מבולבלת ונדהמת. עתה כבר ידעתי אל נכון כי אלה הם הבחורים שלנו, ובטוחה הייתי כי גם קצי קרוב. משהגענו מרחק־מה מן הבור נעצר פתאום הקצין, הסתכל בי כאדם שחוכך בדעתו, כיצד לפעול ופתאום עשה תנועת יד, כפוסק את פסק־דינו — ומיד החל לצעוק:

„רוצי מכאן, שלא אראה אותך. הסתלקי מהר!"

התחלתי לרוץ אל עבר המטבח ובעת מרוצתי סבורה הייתי, כי עוד מעט, והב יורים אחרי והורגים אותי אגב ריצה. פחדתי להביט אחורה. אף־על־פי־כן הפניתי פעם אחת את ראשי וראיתי אותם נהנים וצוחקים מריצתי.

באתי אל המטבח. כמתעלפת הגעתי והבחורות בראותן אותי החוירו עד מאוד והבינו את אשר קרה.

הן לא ידעו מה שעבר עלי ברגעים אלה, ממראה־פני החוורים והמבוהלים הסיקו, כי רק ידיעת הרצח היא אשר גרמה לכך. סיפרתי להן מה שראיתי בבור ומה שעבר עלי גופי וכולנו ישבנו רוטטות מאימה.


באחד הימים באה אלינו אחותו של הבירגרמייסטר, שהיו בינינו קשרים כלשהם, וסיפרה כי אצל אחיה, ראש־העיר, נערכה באותו ערב לאחר רצח ה־22 קבלת פנים לאנשי הגיסטאפו שבאחווה, ובעת הנשפיה, כשאחד הקצינים היה מבושם, סיפר הוא בפני הנאספים, כי החליט באותו יום להרוג יהודיה אחת, אולם ברגע האחרון התחרט משום־מה, וכי חבל לו מאד שהתחרט...

הורף של פורענויות

קבוצה זאת של גרמנים ישבה באחווה כל הקיץ כמעט, עד שיצאו לחזית. לאחווה באו לגור שלושה גרמנים שתפקידם היה תפקיד אזרחי — הם השגיחו שהאיכרים ישלמו את המיסים שלהם — מסי התבואה והבקר בשביל החזית. הם פנו באותו זמן אל היודנראט וביקשו שתי בחורות שיעזרו להם במשק הבית. לעבודה זאת שלחו אותי ואת הניה שיפמאנוביץ. גם עתה קיבלנו רשיון מיוחד וכל החורף יוצאות היינו יום־יום לאחווה ועוסקות במשק בית בעיקר; בערב היינו חוזרות הביתה. גרמנים אלה לא הציקו לנו. מדיחות היינו את הכלים, מבשלות, שוטפות את הרצפות והיחס שלהם אלינו היה טוב. באותו זמן היה המצב בגיטו קשה מאד



פסיה בירך (לויט)



בית-הכנסת החדש



לאחר הדליקה שנפלה עם כניסת הגרמנים

וראינו את עצמנו כ„מסודרות" במובן ידוע. הדברים הגיעו עד כדי כך שביקשתי למצוא קשרי „פרוטקציה", ובלבד לסדר במקום זה גם את אחותי הקטנה, את שרה'לה. ואָמנם הצלחתי בכך והיא עבדה אתי כל החורף. אחותי הגדולה, רחל, עסקה באותו זמן במלאכת התפירה בשביל הכפריים. מובן שהדבר נעשה בחשאי — והכפריים היו משלמים לנו בשווה־כסף, כגון תפוחי־אדמה, קמח וכו'.

אולם לא רק זה היה מקור פרנסתנו, פעמים הייתי מביאה גם אני מתוך האחוזה בגניבה, כמובן, דברי מזון כלשהם — חמאה, בקבוק חלב, גבינה וגם תפוחי־אדמה. — דברים שהייתי שמה בכלי ומבריחה לגיטו.

מפעם לפעם היו באים לארמון שבאחוזה חיילים גרמנים עוברי־אורח. הללו לא ידעו, כי יהודיות אנחנו. את הטלאי נשאנו רק על הבגדים העליונים. מקשיבות היינו לשיחותיהם ולא פעם שומעות היינו כיצד מתפארים הם במעשי־רצח ביהו־דים — ביהודי ז'לודוק והסביבה. לא פעם היו מספרים, כי הנה רק עתה באו לכאן לרחוץ את ידיהם, לאחר שרצחו כך וכך יהודים. באורח זה עבר עלינו כל החורף.

הדיור בתוך הגיטו היה בצפיפות רבה. ביתנו, כרוב בתי העיירה, נשרף בדליקה שנפלה ואנו התגוררנו עתה בבית שהיה אמנם מרווח ובן חמישה חדרים, אולם בבית זה התגוררו עתה כ־30 איש. בכל חדר משפחה אחת. משפחתנו שמנתה 5 נפשות ישבה בחדר אחד: אבא ואמא, אחותי רחל, שרה'לה ואני. בחדר אחר התגוררה משפחת בורובסקי. חדר אחד תפסה משפחה מאורלובה. שניאור דער פארבער (הצבע) ומשפחתו תפסו את החדר הרביעי, כמו־כן נמצאו באותו בית גרשון שיפמאנוביץ, בירך פורצקי, גרשון פריינד, פליט מן העיר פאביאניץ, ופליטה אחת, לאה רוזנמנובה.

אימת הכליון, אשר דיכאה את האנשים עשתה אותם בדרך כלל ותרנים על שלהם; נכונים היו להסתפק במועט ואף לעזור לזולת. שכן מה ערך להן, לזוטות אלו, לעומת הסכנות האורבות לנו? אך היו גם מקרים רבים, בהם ניטשו מריבות על לא־כלום — דבר שהיה פרי העצבנות ועירעורו של שיווי־המשקל הנפשי.

בביתנו, למשל, הנהגנו תור צודק בכל הנוגע למעשי הבישול — בעיקר תפוחי־האדמה. בכל הבית היה רק תנור אחד וחצובה אחת. כל אשה השתדלה להשכים קום, כדי לערוך את העצים על הכירים וללבות בהם שלהבת. הטרדות היום־יומיות הקלות, השכיחו לרגע קט את אימת העתיד הכבדה. ועולים בזכרוני גם קטעים של שיחות שהיו נשמעות בעיקר בערבים:

„אם אזכה לעבור את המלחמה..." כך היה מתחיל מישהו מבין המאמינים והמקווים. אולם נמצאו מיד כאלה, שלא נתנו לו להרקיע אל תקוות־קסם כגון אלו.

„האם השתגעת? וכי מאמין אתה שנזכה לעבור את המלחמה הזאת. נראה אתה כמו על הירח תתגורר!" כך היה טוען לעומתו המתייאש וחסר־התקוה.

ויש שהיית שומע את קול התקוה בנוסח אחר, כמו בעקיפין:

„החייל הרוסי הראשון שיבוא לכאן, את מגפיו אנשק" — פסוק מעין זה אפשר היה לשמוע בימים בהם התחילו לספר על התנגדותו האיתנה של הצבא האדום — שיחות־שיחות שכל עיקרן — דכאון ואפס־תקוה, אך לפעמים היו ההורים בדמעות בעינים מנחמים אותנו ואומרים: „אתם, הילדים צעירים עדיין, ואתם תינצלו מן המבול הזה. אתם מוכרחים להינצל ולספר לעולם כל מה שעוללו לנו".

בחדשי החורף השתוללו הגרמנים בעיירה. מדי פעם היו באים ורוצחים עוברים־ושבים או מוציאים אנשים מהבתים ועושים בהם שפטים של התעללות. הגברים שבביתנו החליטו יום אחד להתקין מחבוא על עליית־הגג שברפת. אולם במשך ימי החורף כמעט ולא השתמשנו בו. באותם ימים היו רבים־רבים אשר סידרו מחבואים מעין אלה.

אין אני יודעת כיצד לציין את הדבר: כלום אי־זהירות היתה זו מצדי, או אי־שקט נפשי ושמא אומץ־לב? נזכרת אני ברגעים אלה, כי באחד מימות החורף איבדה אחותי את תעודת־הזהות שלה באחוזה. הדבר נתחוור לנו בערב וידענו מה רבה הסכנה להישאר בלי תעודה — דבר הכרוך ברצח בעת עריכת בדיקה. כיוָן שידעתי את המקום בו נפלה, ודאי, התעודה, גמרתי־אומר לרוץ לאחוזה. וכן אָמנם עשיתי ואף הצלחתי למצוא את האבידה.

במציאות הממשית והיום־יומית מנותקים היינו לחלוטין מן העולם, לא ידענו מה מתרחש בו. רק בחלומות־הלילה יש והיינו פורצים לפעמים את חומות־הצורר והמצור ומגיעים הרחק־הרחק למחוזות הפלא שלנו. ונזכרת אני, שלילה אחד חלמתי כי הנה שרויים אנחנו בימי העבר הטובים, עורכים אנחנו מסיבה של יום תל־חי בסניף של החלוץ הצעיר — שוב ישבנו כולנו בצותא ושרנו שירים, דיברנו על טרומפלדור ועל חבריו להגנה והכול היה מלא אור וכיסופים, עד אשר התעוררתי... זוכרת אני, כי רציתי כל־כך לספר למישהו על החלום הנפלא הזה — וניגשתי באותו יום למורה שלנו בעבר, מורנו הדגול והאהוב בבית־הספר העברי של „תרבות", ישראל פורטנוי. באתי אליו וסיפרתי את החלום והוא התלהב מחלומי ואמר:

„יודעת את, פסיה, מדוע אני מתלהב כל־כך? חלום בלתי־רגיל חלמת, ואַת אפילו לא יודעת כי היום הוא יום י"א באדר, זה משהו בלתי־רגיל".

ישראל פורטנוי לא היה יליד ז'לודוק, הוא הגיע לעירנו מנובידבור, כאן נשא לאשה את בתו של שכנוביץ והקים את ביתו. הוא היה מן השומרים על הגחלת גם בימי־הרעה ולפיכך טבעי היה, כי באתי עם חלומי אליו דוקא. אולם המציאות הרגילה שלנו, מציאות ההרג והזוועות היתה חזקה יותר מן החלום הבלתי־רגיל, כהגדרתו של ישראל פורטנוי, ובמציאות זאת נספה גם הוא ומשפחתו.

כמה שבועות לפני יום הכליון הודיעו, כי יש לשלוח עובדים למחנה־העבודה בסקריבובה, מקום שהיה מרוחק כתשעה קילומטרים מן העיירה, למעלה מ־200 איש הועלו ברשימת העובדים ואף שרה'לה אחותי נכללה ברשימה. משנודע לי הדבר רצתי ליודנראט והצלחתי להוכיח להם, כי צעירה היא מדי להישלח לשם והיא הוצאה מן הרשימה. זוכרת אני כי גם שתי בנותיו של השוחט יהודה־נתן, השקה וגיטלה, שהיו יפה־פיות, נכללו ברשימה ואמא שלהן, פרידל, הרעישה שמים וארץ, שלא יקחו אותן והיא הלכה והתגייסה להישלח במקומן. שכן את מחנה־העבודה ראו כמקום שהוא מועד ראשון לפורענות. אולם מי יכול היה לדעת בימים ההם מה טוב ומה רע? ואכן, שתי בנותיו של השוחט ניספו בימי השמדת העיירה, ואילן אמן שביקשה לשמור עליהן ויצאה במקומן לתחום הסכנה בסקריבובה, נשארה בחיים לאחר השחיטה, ככל העובדים במחנה העבודה. משנודע לה אחר־כך, על גורל בנותיה, נטרפה כמעט דעתה, עד שהגיע היום וגם בה היתה ידו של הצורר.

„מוקפים אנחנו!"

היה זה חג הפסח כאשר הגיעו השמועות, כי בווילנה נרצחו 60 אלף יהודים, אך גם עתה נמצאו בינינו שלא אָבוּ להאמין, אפשר כי חוסר־אימון זה טבעי היה בהוָיה של הזוועות — מעין תריס והגנה עצמית, שלא להיתפס לדכדוך נפש, אך בסיכומו של דבר היה הוא המקור לרפיון־ידים ולחוסר כל מעשה.

באחד הימים הגיעה שמועה, כי הגרמנים מתכוונים להוציא את כולנו למחנה־עבודה. זוכרת אני, כי אמא החלה תופרת תרמילי־גב משמיכות ישנות, לאגור צנימים של לחם ושאר דברים שנראו בעינינו נחוצים במקרה מעין זה.

כבר עמדנו בחודש אפריל של 1942. מאום לא ידענו על מחנות־ההשמדה כפי שנתברר לנו אחר־כך. באותו זמן היה פחדנו, כי שם במחנות עלולים אנחנו למות ברעב, שהרי כאן, ישנם בכל זאת גויים מכירים שעל־ידיהם ניתן להשיג קצת מזון.

שבוע ימים לפני ההשמדה הוחזרו כל אלה שהוצאו לעבודה במחנה סקריבובה, והובאו לגיטו, דבר שהחריד אותנו מאוד. בכל מעשה של הגרמנים ביקשנו למצוא את כַּוָנת הדברים ולרוב ראינו בהם אות מבשר רעה. אולם יומים לפני יום החיסול, כלומר ביום ה', הוחזרו עובדים אלה למחנה סקריבובה וזוכרת אני כי באותו יום ה', יצאתי כרגיל לעבודה באחוזה, יחד עם שרה'לה, אחותי, ואף חזרנו כרגיל, ללא שמץ של חשד, כי מחר שוב לא נצא לשם. בבוקרו של יום המהרת, יום ו', קמה אמא מוקדם מאד, כדי להכין משהו למאכל, בתנור או על החצובה — ובקומה נוכחה לדעת כי הרחוב שורץ אנשי־משטרה וחיילים.

„ילדים, קומו, מוקפים אנחנו!", קראה אמא בחרדה.

קפצתי נחפזת ונבהלת מן המיטה ורצתי להביט מה נתרחש. סמוך לחלון נתגלה

לעיני חייל חבוש קסדה גדולה והוא חמוש מכף רגל ועד ראש. הוא כנראה הרגיש בי והפנה את מבטו אלי — היו לו עינים משונות ומזרות־איבה. מהלך היה כפוף מעט ועושה צעד אחר צעד, כמי שעוקב אחר טרפו. סרתי מן החלון אולם גם מתוך החדר יכולתי לראות, כי בעקבותיו בא חייל אחר: שרשרת חיילים. הבינונו כי הנה הגיע יום־הפקודה.

התלבשנו וישבנו מצפים, כמו נידונים. על כל פנים, בבית שלנו לא שמעתי, כי מישהו ידבר על בריחה או על התחמקות מן המקום. העיירה כולה היתה בדרך כלל שרופה והרחוב היחיד בו התרכז הגיטו היה מוקף כולו.

בבית נפלה איזו דממה איומה, אפילו הילדים לא השמיעו הגה. עד שנמצא מישהו אשר ניתק את השקט:

„מה הם מחכים, מדוע אין הם נכנסים?"

משנמצא הראשון אשר הפר את הדריכות, נתגלו גם אחרים אשר ביקשו לומר משהו:

„מי יודע, אולי כל הפחד שלנו איננו אלא פחד־שוא. אפשר, כי רק חיפושים הם באו לערוך".

אך רק מעטים־מעטים עוד ניסו להיאחז בתוחלת זו. הרוב ידע, כי זה הסוף שאין מפלט ממנו. אשה אחת שביקשה לצאת החוצה כדי לשאוב מים מן הבאר החזירו אותה הביתה.

כמו אז, כשאחותי איבדה את התעודה באחוזה, עלה בלבי איזה רעיון משונה ובלתי־שקול, גם עתה בהיותנו מוקפים חיילים ושוטרים. פתאום ניצנצה בי מחשבה לצאת החוצה ולנסות ללכת אל האחוזה כמנהגי יום־יום, ואָמנם התלבשתי ולקחתי את הרשיון שלי ויצאתי. אולם מיד זינק אלי אחד החיילים כשרובהו מושט כלפי והחל לצעוק, כי אכנס הביתה.

הוצאתי את הרשיון והראיתי לו ואף התחלתי לעמוד עמו על המקח ולהסביר, כי אני עובדת באחוזה ואני עלולה עוד לאחר, אך הוא דחפני אל עבר הדלת.

„הויטע איז פייערטאג!" קרא. כלומר, היום הוא יום חג ואנחנו פטורים מעבודה.

כל הבוקר לא בא אוכל אל פינו. רבים ישבו ולחשו דברי תפילה ותחינה. אבא ישב כפוף על ספר התהילים הפתוח ובלחש של מקונן קרא בפרקיו... נקף הזמן עד שהגיעה שעת הצהרים. בשעה זו נפתחה הדלת ולבית נכנסו שני שוטרים פולנים עם גויה אחת — אשתו של אחד הפקידים — שאחותי היתה תופרת בשבילה.

„אני רוצה כי תחזירי לי את השמלה שאת תופרת בשבילי!" קראה הגויה אל אחותי.

„לא גמרתי עדיין את התפירה, בקרוב אגמור ואשיב לך" — ענתה לה אחותי.

„לא חשוב לי שלא גמרת עדיין, לא חשוב!" אמרה הגויה, „תחזירי לי את הבדים, אם השמלה איננה מוכנה".

אחותי נתנה לה את הבדים, והגויה יצאה מן הבית.

היום כבר נטה לערוב והמצור על הגיטו נמשך ללא שינוי. כל היום לא באה טיפת מים לפה — אולם עתה, עם כניסת השבת, הדליקה אמא את הנרות ובירכה עליהם. אבא עמד להתפלל, בניגון רווי דמעות ולאחר התפילה הוא אמר:

„שבת היום, ואסור להתענות בשבת. יש, על־כן, לאכול משהו". אמא הכינה תה עם לחם, ואבא קידש על התה וישבנו לאכול, רק לצאת ידי חובה. שוב השתלטה הדממה המעיקה וכך עבר כל הלילה. רק גניחות עמומות, היו נשמעות מפעם לפעם. הילדים גילו איזו בגרות־מדהימה. אף הגה לא שמעת מהם, כאילו ירדו לסופו של המצב המיוחד והסיקו ממנו את מסקנותיהם... מאובנים היינו ונעדרי־יזמה לפעול משהו. הרי רק כמה מאות מטרים הבדילו בין הבית לבין היער, שנתקרא בפינו „די לאפישקעס", שם היינו מבלים בימי הטובה שעות רבות בשעשועים ובשירה — נערים ונערות. על ארבע אפשר היה לזחול לשם. ייתכן, כי לא היו מגיעים, כיוָן שהשמירה חזקה היתה, אולם לא נמצא אף אחד אשר ינסה לשים את נפשו בכפו. לימים נודע לנו כי ארבעה אנשים ברחו, בכל־זאת, בלילה ההוא מן הגיטו...

באותו לילה אמרתי לאבא, כי אנחנו צריכים לעלות על עליית־הגג של הרפת ולהתחבא במחבוא שהכינונו בשולי הגג, על־ידי קיר מוסוה. אולם אבא סירב לעשות כן. הוא נשאר כל הזמן על מקומו, עטוף בטליתו וממשיך ללחש את פסוקי התהילים. פתאום שמענו דפיקות בדלת. לבית התפרצו כמה שוטרים פולנים והתחילו לצווח:

„מה אתם יושבים כאן, יהודים ארורים? דליקה נפלה בגיטו ולכם לא איכפת מאומה, קודם הטלתם את האש ועכשיו אתם יושבים כאן ומחכים. צאו מהר לכבות את הדליקה, יהודים ארורים!"

הפחד לצאת מן הבית היה גדול. סבורים היינו, כי בחוץ הם יחסלו אותנו, שהרי כל הלילה נשמעו יריות מצדדים שונים. אולם לא היתה ברירה בידנו ויצאנו. הדליקה כובתה מהר והאנשים חזרו לבתיהם. עתה נתעוררו שוב האופטימיסטים שבנו והחלו לטעון:

„הביטו וראו, אילו זממו באמת להרע לנו, הרי יכלו להרוג אותנו עכשיו, ואם לא נגעו בנו לרעה סימן שהמצב איננו אנוש כל־כך, כפי שסברנו תחילה. עדיין לא כלו כל הקיצין!"

בשעה תשע בבוקר, של יום השבת, נתגברו היריות מסביב וקבוצות־הדמים שלהם נכנסו לגיטו. תחילה עבר אופנוע ברעש גדול ואחר־כך באו משאיות עמוסות

אנשי־צבא ושוטרים — ליטאים ופולנים, עברו את הרחוב והגיעו לסופו. ידענו כי זו השעה האחרונה. לא יכולתי להשלים עם אפס־המעשה והתחלתי לצעוק:

„מה יושבים אנחנו ומחכים, מדוע אין אנחנו עושים משהו, מדוע אין אנחנו מתחבאים?״

רצח יושבי המחבוא

שוב נתמלאתי איזו דריכות, יצאתי ראשונה מן הבית ואתי גם רחל אחותי, ואחרינו שרה׳לה ואמא וכל שאר דרי הבית, פרט לאבא והפליטה שהתגוררה בבית — לאה רוזנמאנובה. בגיטו כבר החל הגירוש מן הבתים וכינוס היהודים אל מקום אחד, אולם לפני שהשוטרים הספיקו להיכנס אלינו, כבר היינו כולנו בתוך הרפת. חלק גדול מן הבאים התחבא בתוך מאורה שהיתה מתחת לעצי ההסקה שברפת וחלק אחר, בו גם אני, אמא ושרה׳לה, עלינו בסולם על העליה ונכנסנו אל המחבוא וסגרנו אחרינו את הדלת המוסוית. אחר־כך הגיעו אלינו עוד כמה אנשים מיושבי הבית, שגם הם התחבאו תחילה ברפת. פתאום שמענו דפיקות חלשות בדלת. היתה זאת רחל אחותי, שגם היא נשארה משום־מה ברפת מלמטה ועתה הגיעה.

מרחוק נשמעו יריות רצופות וחזקות ולאחריהן נשתלטה דממה. הבינונו, כי הגורל כבר נחרץ וכי הכול נסתיים. במחבוא שבעליית־הגג ישבנו כל יום השבת וכל הלילה שלאחריו, מבלי להוציא הגה, לחוצים היינו באותו כוך צר כ־20 איש. יריות בודדות נשמעו גם לאחר מכן. סבורים היינו, כי רק אנחנו נשארנו בחיים ולא ידענו דבר, כיצד נתרחש חיסול הגיטו. אבל בטוחים היינו כי אכן נתחסל.

באותו יום מצאו הגרמנים את המתחבאים ברפת למטה ולקחו את כולם. ביום א׳ בבוקר שמענו דפיקות בדלת וקול חלוש מדבר:

„פתחו לי, זאת אני, לאה רוזנמאנובה.״ היא סיפרה לנו, כי ביום השבת הסתתרה מתחת לעצים שברפת וכי לשם הגיעה לאחר שבבית כבר נכנסו הגרמנים לערוך את החיפוש. ממנה הגיעתנו הידיעה האחרונה על אבא, שגם הוא נשאר בבית, עטוף בטליתו וקורא בספר התהילים כל הזמן. כשנכנס הגרמני לבית, התחילה לאה להתחנן בגרמנית הצחה והרהוטה שלה וביקשה שירחם עליה. הוא הרפה ממנה וקרא:

„פאַרשטעק זיך, פארשטעק זיך!״ (התחבאי, התחבאי). היא התחילה לבקש גם על אבא והגרמני אָמנם יצא מן הבית והניח להם. אולם אבא נשאר על מקומו כמקודם ורק היא התחמקה והסתתרה באיזה מקום עד שהגיעה לרפת.

אתנו במחבוא היתה גם, סוניה, בתו של שניאור הצבע. ביום זה תקף אותה בולמוס של רעב והיא לא יכלה להתגבר בשום פנים. כל היום היא ישבה ובכתה וקראה: „משהו לאכול, לאכול משהו!״ — זמן רב הצלחנו להחזיק בה, עד שהתפרצה ויצאה מן

„אתה קאמאשן מאכער ממקצועך, והלכת לעבוד כמזכיר? אתה עבדת כמזכיר ולי סיפרת כאן שאתה קאמאשן מאכער. אתה רימית אותי, יהודי ארור!" ורנר צעק בקול של טירוף ובה־בשעה הרים את הפרגול שבידו והצליף על ראשו ועל פניו של יוסף־דוד דרביאנסקי, כחוטב בגרזן כך נפלה מכת הפרגול על ראשו של יוסף־דוד, מלמעלה למטה.

את פניו של יוסף־דוד שוב לא ראינו. הם היו עתה כתם אחד אדום — פנים שהוצפו דם ומיד החל ורנר לצעוק לשוטר שעמד בקרבתו:

„הרץ אותו מכאן, אל הקבוצה ההיא הרץ אותו!"

ראינו את השוטר נחפז ולפניו מתנודד בריצה מתמוטטת יוסף דרביאנסקי, עד שהגיעו אל המובלים לבורות־ההרג.

כשהגיע תורי בעת קריאת השמות של בעלי המקצוע שאל אותי ורנר:

„איפה המשפחה שלך?"

„אין לי משפחה, אני לבד, בלי משפחה", עניתי. לאחר חמת הרצח שהוא שפך לפני רגעים מעטים על יוסף דרביאנסקי היה עתה ורנר מרוקן כלשהו. קולינסקי, הבירגרמייסטר ניצב ביני לבין ורנר כאילו ביקש לסייע לי במשהו ואמר:

„את היהודי הזה אני צריך, היהודי הזה עובד אצלי".

עתה היה בתגובתו של ורנר לגלוג בלבד:

„אונזער בירגערמייסטער מיט זיינע יודן... ער האט ליב די יודן, אונזער בירגער־מייסטער". (הבירגרמייסטר עם היהודים שלו, אוהב יהודים הוא הבירגרמייסטר). אלה היו דברי תגובתו של ורנר ובכך הוא הסתפק.

עתה פנה ורנר אל כולנו ואמר:

„אתם תישארו בחיים, אולם עליכם לציית ולמלא כל פקודה, אשר תוטל ושום רע לא יאונה לכם. אך מר מאוד יהיה גורלכם, אם יתווסף, ולוּ איש אחד, לקבוצתכם; ואם יהיו בכם יותר מ־81 איש; בחייכם תשלמו בעד כל תוספת מעין זו".

הגיעו אל קבוצתנו כמה שוטרים ופרשו שמיכה על־פני האדמה וציוו עלינו להטיל את כל דברי־הערך שישנם עמנו, לתוך השמיכה הזאת. כסף ושווה־כסף, פרט לתעודות־הזהות. ניתנה פקודה כי נשב. הגויים שעמדו במרחק־מה מאתנו החלו להתקרב אלינו יותר ויותר, מתוך סקרנות היו מתקרבים. כבר שמענו את היריות והצעקות שהגיעונו מבורות־הרצח. מקום ההוצאה להורג מרוחק היה מאתנו כ־600—700 מטרים בלבד.

היה יום חם מאד ואנו ממקום כינוסנו, יכולנו להבחין במקום הטבח על־פי האדים שעלו מאותו מקום. היו אלה אדים מן הדם שנתחמם בשמש. כשעתים וחצי ארכה שחיטתה וכליונה של הקהילה הקדושה ז׳לודוק. עם תום מעשי הרצח ראינו את הגרמנים, עורכי־הטבח, בשובם העירה. עתה מועדות היו פניהם אל המסעדה. שם כבר התקינו למענם כירה דשנה. כשעה נשתהו במסעדה. שוב עברו על פנינו בעשותם את דרכם לעיירה שצ׳וצין, שגם שעת־פקודתה הגיעה וכבר היתה מוקפת משמרות חזקים.

שמונים ואחד

קרוב לאלף איש מצאו את מותם בבורות־ההרג בז׳לודוק. אנחנו, שמונים ואחד, שנשארנו בחיים היינו במקום האיסוף כמקודם. נדכאים והמומים מכל אשר ראו עינינו. עודנו עומדים, ראינו פתאום, כי קולינסקי, הבירגרמייסטר, שוב מתקרב אלינו. כאדם שאבדו עשתונותיו נראה, נבוך והמום. מטיבו לא היה קולינסקי אוהב־היהודים, אבל אל כמה וכמה יהודים מבני העיירה קשור היה מאוד ועתה לא יכול היה להשלים עם הרעיון, כי ידידיו אלה אבדו ואינם. קולינסקי היה גוי גבוה ובלונדי ועתה היה משהו אוילי במראהו בעמדו ובבכותו. דווקא העובדה, שהוא לא השיג את גודל האסון שירד על העיירה והבליט רק את אסונו שלו בקפחו את ידידיו מקרב היהודים, דווקא בדבר זה היה משהו מקוצר ההשגה. הוא התרוצץ בינינו ובכה וחיפש כל הזמן את ידידיו ולא יכול להשלים כי אינם:

„איפה זיידל לוויצקי, האם גם זיידל לוויצקי לא נשאר אתכם?” — זיידל לוויצקי היה החייט שלו והרושם היה כי בוכה הוא על זיידל החייט ולא על זיידל האיש שנרצח בדמי ימיו.

מכאן העבירו אותנו אל בית־הכנסת, דרך השוק השרוף הובילונו השוטרים והביאונו עד לבית־הכנסת, אולם לתוך הבית פנימה לא נתנו לנו להיכנס. רק מאחורי בית־הכנסת ניתנה לנו בינתים רשות לנוח. בבית־הכנסת גופו נכנסו השוטרים והתחילו לערוך חיפושים.

עוד בימי הסובייטים הופקע בית־הכנסת מידי היהודים וחדל להיות מקום לתפילה. הם עשאוהו מועדון לצבא, ד.ק.א. — דאָם קראסנוי אַרמיי. בימי הגיטו חולק בית־הכנסת מדורים־מדורים, תאים־תאים ושימש מקום מגורים ככל בתי הגיטו. רוכזו בו הרבה משפחות, בעיקר מבין אלו שהובאו מחוץ לז׳לודוק וגם בתוכו היתה צפיפות רבה מאד.

עודנו עומדים מאחורי בית־הכנסת והנה ראינו, כי השוטרים עורכי החיפוש יוצאים ועמם שני ילדים חוורים ונבהלים, כבני 10 היו הילדים. השוטרים התחילו

להכות בהם ואנחנו ניסינו להתחנן ולבקש כי ישאירום בחיים. אולם השוטרים לא שעו לבקשותינו. האכזרי ביותר בין השוטרים היה אחד שנתקרא בפינו „קומסומוליץ". אפשר כי את שאר השוטרים היינו משכנעים בכל זאת, כי יניחו לילדים. אולם הלה שכינויו „קומסומוליץ" נחש־צפעוני היה, צמא־דמים מאין כמוהו. הוא הגיע לז׳לודוק משטחי רוסיה המועצתית, עם הצבא האדום הגיע, ונשאר לאחר־מכן לשרת בנאמנות את הגרמנים. הוא הוסיף להכות את הילדים ולדחוף אותם אל המקום בו נמצאו בורות־ההרג ושם רצח אותם ביריה.

כבר החל להחשיך. מקום מגורינו היה הבית שעמד מאחורי בית־הכנסת. החיים תבעו את שלהם. מצווים היינו על התארגנות כלשהי ועל דאגה לצרכי יום־יום שלנו. אני בצאתי, באותו יום, להביא דלי מים לבית ובהתכופפי להרים את הדלי אחזתני עוית משונה וכשם שנתכופפתי אל הדלי כך נשארתי כפוף ושוב לא יכולתי ליישר את גופי ולהזדקף. עד יום ג׳ נשארתי במצב זה.

בערב, שלאחר יום־הרצח, היינו המומים כל־כך שלא יכולנו להשיג בבירור מה נתרחש כאן. מתוך עיפות רבה נרדמנו כולנו ורק דפיקות בדלת העירונו בלילה משנתנו. הדפיקות חזרו ונשמעו ומלוות היו קול חלוש ומלחש:

„עפנט מיר, עפנט מיר, האָט רחמנות און עפנט מיר!" (פתחו לי, פתחו לי, רחמו עלי ופתחו לי).

נתגלע ויכוח. מה לעשות. לפתוח או לא לפתוח. האזהרה של ורנר שלא ייגסף אף אחד על המספר אשר הוא קבע, הטילה פחד. ניגשתי אל הדלת לראות מי הדופק. אשה עמדה ורעדה. נתנו לה שמיכה להתכסות בה, והיא נשארה בחוץ בקרבת מקום. רק בשעות היום היתה נמצאת בינינו.

לאחר מכן הגיעונו ידיעות על ביצוע ההרג. נודע לנו כי נעשו נסיונות של בריחה. יונה זאשצקי ברח מן הבור, כמו־כן ברח ילד אחד כבן 12, פישל׳ה זאבורובסקי. גויים סיפרו, כי ראו בבור את דבורה׳לה ההרוגה כשהיא מחבקת ביד אחת את אידה׳לה בנה וביד השניה את ציפה בתה.

בלילה השני שוב התעוררנו מקול דפיקות בדלת.

„עפנט, ס׳איז מיר קאַלט, עפנט מיר!" ושוב דברי ויכוח כמו אמש. לפתוח או לא לפתוח. היתה זאת ילדה, זלטקה שמה. יצאתי מן הבית והלכתי עמה עד לבית־המרחץ שהיה בקרבת מקום ושם ישבתי אתה רוב הלילה. לא רחוק מבית־הכנסת היתה גבעה, הושבנו אותה על הגבעה וכיסינו אותה. הילדה, כאילו ניטל ממנה כוח הדיבור, משיבה היתה על כל שאלה באורח אוטומאטי.

„תאכלי משהו?" שאלתי. „כן, אוכל". זאת היתה תשובתה ולא עוד. המומה ונבוכה היתה. הבאתי לה משהו לאכול.

בבוקר ראינו, כי בקרבת מקום עובר סגן מפקד המשטרה יאַניש. הרובה לכתפו

וכלב רץ בעקבותיו. כולנו נדהמנו — הוא גילה בוודאי את הילדה. ראינוהו יורד מן האפנים ונוטל את הרובה ביד. אך הוא פנה אל עבר הכלב, ירה בו והרגו והמשיך לנסוע בדרכו. שוב נשמנו לרוחה.

שרידי־חרב

מדי פעם היו מגיעות אלינו ידיעות ממה שהתרחש בעיירה לאחר יום הרצח. סופר לנו כי אחד מתושבי העיירה הסתתר בארובת־העשן של הבית ושם מצא את מותו. שלמה׳לה שיפמאנוביץ הסתתר בתנור, וכך ניצל והצליח להתחמק מן העיירה ולהגיע ליערות. לימים מצא את מותו בפעולה פארטיזאנית. סופר לנו, כי אחד השוטרים שמצא את אסתר־לאה ז׳אגר, נטפל אליה לאנוס אותה ובהתנגדה לו ירה בה ורצחה נפש.

יחד עם משפחת לוויט התגוררו בימי הגיטו תשע משפחות. על עליית־הגג של בית זה הותקן בעוד־מועד מחבוא סמוי. היה זה קיר כפול בפינה אחת של העליה. ביום השבת, יום ההשמדה התכנסו רוב יושבי הבית באותו מחבוא ובהם כל משפחת לוויט. רק אבי המשפחה לא רצה בשום פנים להיכנס לבונקר. הוא לבש את בגדי השבת שלו, התעטף בטלית ונשאר בבית למטה. עומד היה ומתפלל וכך מצאוהו הגרמנים ורצחוהו.

לאחר יום או יומים שבו השוטרים לבית זה לערוך בו חיפושים מדוקדקים. הם עלו על עלית־הגג וגילו את הבונקר על כל מסתתריו. את כולם הורידו למטה, הביאום לאיזה מקום, העמידו אותם בשורה אחת, והתחילו לירות בהם. הדבר היה לפנות ערב. בין המוצבים היתה גם פסיה לוויט. עם התחלת היריות התחמקה והחלה לברוח מן המקום. היא חזרה לעליית־הגג של דירתם ושוב הסתתרה במחבוא...

כבר עבר שבוע ימים, מיום הרצח. כל יום היו הגויים מגלים יהודים ומסגירים אותם לידי הגרמנים והללו היו מרצחים אותם. אך לא רק הגרמנים, גם הגויים תושבי המקום נותנים היו את ידם למעשי־הדמים. — סופר על גויה אחת שמצאה אשה יהודיה מפרפרת בין החיים והמוות, ניגשה אליה, נטלה אבן מאבני המרצפת והחלה לחבוט בראשה חבוט וחזור, עד שהרגה אותה ונטלה את מטפחתה. סופר כי הגוי ז׳וטוק רצח את לייזר אינדרשטיין ואחר כך נטל צבת והוציא מפיו את שיני הזהב שלו.

מקץ כמה ימים ניתנה לנו רשות להיכנס לגיטו, כדי להוציא מתוכו מטלטלין שונים וכן דברי מאכל. על פני הכביש ניכרים היו היטב־היטב כתמי הדם הקרוש. דם על פני דם. גויים הסתובבו בגיטו בלשו וחיפשו.

ראיתי על קיר ביתה של דבורה׳לה פס דם מלמעלה למטה — זה היה דמו של

הילד גרשון ברסטוביצקי, שהסתתר מתחת לכרכוב הגג. גרמנים שעברו השגיחו בו וירו אל מקום מסתרו והרגוהו, ודמו ניגר מן הכרכוב לאורך כל הקיר.

ביום בו הורשינו להיכנס לגיטו השגיחה בי פסיה לוויט ממקום מחבואה וקראה אלי. כך סיפרה לי לאחר זמן, אך קולה היה ודאי חלש מאוד ואני לא שמעתיו. סופר לנו, כי את נתן הסַפר, שהגיע לז׳לודוק מוואראשה ואשר השוטרים היו תמיד מסתפרים אצלו, את נתן זה מצאו עתה השוטרים, הלקוחות שלו, כשהוא מסתתר במאפיה. הוא התחנן והזכיר להם את ידידותם בעבר, הוא ביקש כי ישאירוהו בחיים, אך הם הטילוהו בעגלה מלאה הרוגים והרגו גם אותו.

יום אחד ניגש אלי השוטר סובאַץ ולחש לי:

„נמצאה נערה יהודיה מסתתרת בעלית־גג והביאו לה קצת אוכל״.

לפי תיאור הבית והנערה עלתה בי מחשבה, כי זאת היא פסיה לוויט.

„עוד מעט נביא לכאן את הנערה הזאת״, אמר השוטר.

לא אָרכה השעה והנה רואים אנו שני ילדים באים ואחריהם הולכת נערה אחת. גל של עצמות, צל־צלו של אדם. היתה זאת פסיה. באותו רגע עברה במקום ריבה נוצרית, שעבדה יחד אתי במסעדה. פסיה היתה בעבר חברה שלה לספסל הלימודים בבית־הספר.

„את מכירה אותה?״ שאלתי את הריבה.

„לא, בירך, אינני מכירה בשום אופן. אינני מכירה אותה״.

„הסתכלי בה היטב״, אמרתי, „זאת היא הרי פסיה לוויט!״

היא התחילה לבכות, להצטלב ולקרוא:

„אלי שבשמים, מה שעשו מכם״.

הכנסנו את פסיה לגיטו שלנו ונתעוררה עכשיו השאלה מה לעשות אתה. סיפרתי את הדבר לאחותו של קולינסקי, שהכירה היטב את משפחת לוויט. לפנות ערב חזרה אחותו של קולינסקי ואמרה: „בירך, יש לי רעיון. נרשום אותה כאשתך״.

לאשה עמדו זכויותיו של הבעל. ההצעה נתקבלה על דעתי אף שהיתה סכנה בדבר.

בערב שבועות הועברו רוב אנשינו לשצ׳וצין. בז׳לודוק נשארו רק מתי־מספר ולאחר כמה ימים באו ואמרו, כי גם אותנו מעבירים לשצ׳וצין. עתה נשאר בז׳לודוק רק ד״ר שישקו.

ז׳לודוק, העיירה היהודית, אשר קיבלה אותנו בשעתו בזרועות פתוחות וביקשה להנחיל לנו הרגשה של בית, העיירה הקטנה ומאירת־הפנים, בה עשיתי את שנות הזוָעה והיסורים, שוב לא היתה, אולם בחדרי נפשי שמור היה שמה לבלתי־הישכח. — ז׳לודוק היהודית שוב לא היתה קיימת. מחוקה היתה מנופה וממקומה. נסענו בעגלה לשצ׳וצין ומאחורינו גיא־הריגה ושממה.

מ ש ה ב י ר ך

אין טאג פון דער שחיטה

פרייטיק אינדערפרי, דעם 8־טן מאי 1942 איז דאָס געווען. דער געטאָ איז געווען ארומגערינגלט דורך זעלנער און פּאָליציילייט. אימעצער האָט געכאַפּט אַ שמועס מיט איינעם פון די פּאָליציאנטן, וועלכער האָט אים דערציילט אז מ׳האָט צוריקגעשיקט די 140 ארבעטער, וועלכע האָבן געארבעט אין סקריבאווא. פארשיידענע קלאנגען און שמועות יאָגן נאָך איינע די אנדערע. אלע זענען שוין געווען פארשלאָסן און פארהאַקט אין די הייזער.

אין דעם זעלבן טאָג, אינדערפרי, האָט איינע פון די פרויען געפּרוווט זיך ארויסגנבענען פון געטאָ און זי איז דערשאָסן געוואָרן דורך די פּאָליציילייט. ס׳איז אָבער געגעבן געוואָרן אַ דערלויבעניש איר צו מקבר זיין. מיר האָבן אין יענעם טאָג געפּרוווט שאַפן אַ קאָנטאקט מיט די קריסטן, כדי צו אָריענטירן זיך ביי זיי וועגן אונדזער לאגע, אָבער די קריסטן האָבן אונדז געענטפערט אז זיי וויסן גאָרנישט.

פלוצלונג האָבן מיר באמערקט אַ גרופּע פויערים, וואָס קערן זיך אום פון עפּעס אַן ארבעט, טראָגנדיק מיט זיך לאפּאטעס, און רידלען. מיר האָבן דאן פארשטאנען אז דאָס איז אַ גרופּע גרעבערס, וועלכע האָבן מסתמא געארבעט ביי די טויט־גריבער, אָבער די פויערים זעלבסט האָבן גאָרנישט דערציילט. דעם זעלבן טאָג האָבן די גרייזשעווסקעס געפּרוווט אונטערצינדן אַ שטוב, כדי עס זאָל ווערן עפּעס אַ סאַמעטאָכע אין שטעטל, און מ׳זאָל קענען אנטלויפן. אָבער דער פייער איז גיך פאַרלאָשן געוואָרן. איינער פון דער משפחה האָט באוויזן, טראָץ די שטאַרקע שמירה, ארויסצוגנבענען זיך פון געטאָ און אנטלויפן. אין דער דירה ווו איך האָב זיך געפונען האָט אויך געוווינט אַ משפחה וואָס האָט זיך גערעכנט פון די פארברענטע קאָמוניסטן, וועלכע זענען ווייט געווען פון יידישקייט. און איצט האָבן זיי ווי פארגעסן זייער אמאָליקע וועלט־אנשויאונג. „יידן וואָס שווייגט איר, פארוואָס זאָגט איר ניט קיין תהילים.. תהילים דארף מען זאָגן״, האָט גערעדט מיט אַ ציטערדיקן קול מאיר שאַכנאָוויטש וועלכער איז אַ מאָל געווען אַ פארברענטער קאָמוניסט.

איך זעלבסט, מוז מודה זיין, אז אין יענער נאכט האָט מיר באַהערשט א

משונה׳דיקער געפיל, אַ געפיל וואָס ס׳איז מיר איצט זייער שווער צו דעפינירן. — ווילסטו, איז דאס אַ רעליגיעזער געפיל, ווילסטו איז דאָס סתם אַ מיסטישע באַהערשונג. עפעס אַ פאַרנעפּעלטע ניט־קלאָרע שטימונג, האָט מיר ארומגעכאַפּט. איך געדענק אז צום ערשטן האָב איך געפילט אַ שטאַרקן הונגער. — וואס כ׳האָב געפונען בין איך גרייט געווען צו עסן. דער עסן האָט כלומרשט געדאַרפט פאַר־נעמען די ליידיקייט, וואָס האָט זיך געשאַפן אין מיר. אין מיין מאַרינאַרקע, וואס כ׳האָב געטראָגן אויף זיך, האָב איך אריינגעלייגט אַ שטיק ברויט, מורא האָבנדיק, טאָמער וועט מיר ווידער אמאל דער הונגער באַהערשן. כ׳האָב געוווּסט אז אונדזער לעצטע שעה קומט אָן, אז איך דאַרף זיך געזעגענען פון דער וועלט, און וידוי זאָגן. און צו דער מינוט, דאַרף איך זיך צוגרייטן. כ׳האָב אויפגעקאָכט וואַסער און געוואַשן זיך, כ׳האָב איבערגעביטן מיינע בגדים, און אָנגעהויבן צו שעפּטשען די וידוי־פסוקים. ווען כ׳האָב געענדיקט מיין וידוי, האָט זיך אין מיר אויפגעוועקט אַ געפיל — אַ נייער און אַן אויסטערלישער — אַ צידוק־הדין געפיל: אָט האָב איך זיך שוין געזעגנט מיט דער וועלט, און מער געהער איך נישט צו איר. אַ שטימונג פון רו און זאָרגלאָזיקייט האָט מיר באַהערשט. כ׳האָב זיך געלייגט אויף מיין בעטל, און כ׳בין שטאַרק אַנטשלאָפן געוואָרן. אַזוי איז איבערגעגאַנגען די נאַכט. אזייגער פינף באַגינען האָב איך זיך אויפגעכאַפּט. קיין שום געדאַנק פון אַנטלויפן האָט זיך נישט אויפגעוועקט אין מיר. כ׳האָב געפילט א גלייכגילטיקייט צו זיך אַליין, און צו מיין גורל, אַ געפיל פון רעזיגנאַציע, גלייך ווי ניט מיין לעבן, טראָג איך שוין אין זיך, נאָך מיין וידוי זאָגן.

פלוצלונג האָבן מיר דערהערט ווי אַ וואָגן דערנענטערט זיך צו אונדזער דירה. גויים זענען געקומען ראַבירן. האָלץ האָבן זיי געוואָלט נעמען פון אַ שפּייכלער. אַנדערע גויים זענען געקומען אָפּנעמען פון יידישע בעלי־מלאכות פאַרשיידענע זאַכן, וועלכע זיי האָבן, כלומרשט, אַמאָל געגעבן צו פאַריכטן.

אַביסל שפּעטער, זענען אַריינגעגאַנגען אין געטאָ פיל מיליטער־לייט, ליטווי־שע און דייטשישע, אָנגעטאָן אין שטאָלענע העלמען; זיי זענען אַראָפּ פון די אויטאָס און האָבן זיך אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן איבער די הייזער פון געטאָ. איך געדענק אז אין אונדזער דירה איז אַריין אַ דייטש, וועלכער איז געווען עפּעס בלייך פון אויפרעגונג. ער האָט געזאָגט אז ער איז געקומען מאַכן אַן אונטערזוכונג, און גלייכצייטיק האָט ער געדראָט, אז אויב ס׳וועט זיך געפינען ביי אונדז געווער וועט אונדז ניט זיין וואָס צו מקנא זיין. דערווייל האָט ער פאַראָרדנט אוועקצולייגן אויפן טיש אַלע צירונג און ווערט־זאַכן וואָס מיר פאַרמאָגן. ער איז געשטאַנען די גאַנצע צייט פאָרזיכטיק, אז קיינער זאָל זיך נישט געפינען הינטער אים. אַלץ וואָס מ׳האָט אַוועקגעלייגט אויפן טיש האָט ער אַריינגעשפּאַרט אין זיינע טאַשן. אויך אַרויסגייענדיק, איז ער פאָרזיכטיק געווען: ער איז געגאַנגען רוקנדיק זיך

מיט זיין פלייצע צום טיר און מיטן פנים צו אונדז. ארויסגייענדיק האָט ער אויסגעשריגן זיינע באפעלן, — אז אלע זאָלן גיך־שנעל פאַרלאָזן דאָס הויז און ארויסגיין אין גאַס.

אלע איינוווינער האָבן זיך קאָנצענטרירט, ביים סוף פון גאַס. פון צייט־צו־צייט פלעגט מען ברענגען נייע גרופּעס צו דעם פונקט. איצט זענען געקומען צוויי דייטשישע אָפיצירן ברוין מונדירט, מיט ס.ס.־צייכנס. איינער פון זיי איז געווען נידעריק און געוויקס, אין דער עלטער פון צוויי און צוואַנציק יאָר אומגעפער, ווינדיש האָט ער געהייסן. ער איז געווען דער הויפּט־קאָמאַנדיר, דער צווייטער איז געווען העכער אין געוויקס, זיין נאָמען איז געווען ווערנער. ביידע מיט ווייסע הענטשיקעס אויף די הענט, אויסגעפּוצט און יום־טובדיק. ווערנער האָט זיך געווענדעט צו די צונויפגעטריבענע, זאָגנדיק, אז יעדער איינער דאַרף צוגרייטן זיין דאָקומענט און האַלטן אים אין האַנט. אויף די פראַגן וואָס מ׳וועט פרעגן דאַרף מען ענטפערן קורץ, שאַרף און זאַכלעך. ווער ס׳האָט ניט געבראַכט קיין דאָקומענט איז שוין פאַראורטיילט. ווינדיש האָט געהאַלטן ז׳י גאַנצע צייט דעם עלנבויגן פון זיין רעכטער האַנט אין זיין לינקער האַנט, דרייענדיק געלאַסן זיין גראָבן פינגער הין און צוריק — רעכטס און לינקס. דערמיט האָט ער גוזר געווען און פאַראורטיילט יעדן איינעם — ווער צום לעבן און ווער צום טויט.

צווישן די יידן פון געטאָ איז שוין אוועק אַ קלאַנג אז פאַכמענער וועלן אויסגעטיילט ווערן צום גוטן און בלייבן לעבן. איצט האָב איך טאַקע געזען ווי בערעלע שטיין איז געלאָפן גיך אין דער ריכטונג פון אונדזער גרופּע. זיינע הענט זענען פאַרשמירט געווען אין טייג און מעל. בערעלע איז ניט געווען קיין בעקער פון פאַך, אָבער איינטונקענדיק זיינע הענט אין א שיטערן טייג, האָט ער געגלויבט, אז די מערדער וועלן אים פאַרעכענען פאַר א ריכטיקן בעקער, און אָט אזוי וועט ער בלייבן לעבן. און איך מוז באַצייכענען אז בערעלע האָט טאַקע אויסגעזען ווי אַ געבוירענער בעקער, אָבער זיין מזל האָט אים נעבעך ניט געלויכטן אין יענער גרויזאַמער שעה. ער האָט ניט מיטגעבראַכט מיט זיך זיין דאָקומענט. אין זיין צוטומלעניש און פאַרלעגנהייט האָט ער געפּרווּוט בעטן מ׳זאָל אים אויסלייען אויף אַ ווײַלע אַ דאָקומענט ער זאָל אים ווייזן אין צייט פון דעם אונטערזוך. „איך בין איין בעקער" האָט ער גערעדט ציטערנדיק צו ווינדישן און ווערנערן, די מערדער. ער האָט זיי געפּרווּוט איבערצייגן, אז ער איז נאָר וואָס געקומען פון בעקעריי, אין מיטן זיין ארבעט. ס׳האָט אים אָבער נישט געהאָלפן, און ער איז געשיקט געוואָרן רעכטס, דאָס הייסט צו דער גרופּע פון די פאַרמשפּט׳ע אויף טויט.

פאַמיליעס האָבן געמוזט גיין צוזאַמען. אזוי ווי איך בין געווען אָן אַ משפחה, בין איך געגאַנגען איינער אליין צו דער אונטערזוכונג. כ׳האָב אויסגעשטרעקט מיין דאָקומענט און געזאָגט צו ווינדישן, אז איך בין אַ וועבער פון פאַך.

ווינדיש האָט שוין געהערט דאָ וועגן זייער פיל פאַכן, אָבער „אַ וועבער״ איז פאר אים געווען עפּעס ניי. ער האָט זיך אפשר פאָרגעשטעלט אין יענער מינוט, אז דאָ געפינט זיך ערגעץ א וועבעריי, און זיין פינגער האָט זיך אַ נייג געטאָן אויף לינקס, דאָס הייסט צו דער גרופּע פון די לעבן געבליבענע. אין דער גרופּע זענען שוין געווען איבער פערציק מאן. איצט האָב איך געקענט אַ קוק טאָן וואס עס טוט זיך ארום. ס׳האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט, — ניט קיין געשרייען און ניט קיין געוויינען... אונדזער גרופּע האָט שוין געציילט 81 מאַן ווען ווערנער האָט אויסגעשריגן, אז איצט איז שוין גענוג, און אז אלע איבעריקע וועלן גיין אויף רעכטס. אין אַ פּאָר מינוט ארום האָט ער אַ געשריי געטאָן אז אלע פון דער רעכטער זייט דארפן גיין פאָרויס.

איצט האָט זיך אַ ריס געטאָן ד״ר קאַוואַרסקי, וועלכער איז געווען אין דער גרופּע פון די פארמשפּט׳ע, ער האָט אָנגעהויבן שרייען צו ווערנערן און צו די איבעריקע מיליטער לייט וואָס האָבן זיי געפירט. „אייער טאָג וועט נאָך קומען, נידערטרעכטיקע מערדער! אייער טאָג וועט נאָך קומען!״ האָט ער געשריגן. גיך־שנעל האָט מען אים אָפּגעטיילט פון די איבעריקע יידן און מ׳האָט אים דערשאָסן אויפן אָרט.

מיר פון דער לינקער גרופּע, זענען געשטאַנען צעטומלט און צעמישט פון אלץ וואָס ס׳האָט זיך דאָ אָפּגעטאָן. ארום אונדז האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אַ סך גויים, וועלכע זענען געשטאַנען און אונדז אָנגעקוקט ווי עפּעס אן אויסטערליש בילד.

אין עטלעכע מינוט ארום האָט זיך ווערנער אומגעקערט צו אונדז, און מיט אים איז געקומען קולינסקי, דער בירגערמייסטער פון שטעטל אין יענער צייט. קולינסקי איז געווען צעטומלט און דערשראָקן. זיין ערשטע פראַגע איז געווען „ווו איז מארק גאלאַי, דער זון פון דעם פאָרזיצער פון יודענראַט״. ווען מ׳האָט אים געזאָגט אז מארק איז צווישן די פארמשפּט׳טע, האָט ער ווי ניט געגלויבט, און האָט אָנגעהויבן זוכן מיט זיינע אויגן צווישן די שטייענדיקע, אפשר וועט ער טראָץ דעם געפינען אים. „וואָס זוכסטו דא?״ האָט ווערנער אָנגעהויבן צו שרייען אויף אים. ער האָט אים אויסגעשטרעקט דעם העפט אין וועלכן ס׳האָט זיך געפונען די רשימה פון די געטאָ איינוווינער, און ער האָט אים געהייסן לייענען און איבערצייגן זיך. קולינסקי איז געווען צעמישט, און ער האָט אָנגעהויבן וויינען. ווען ווערנער האָט אים דערזען וויינענדיק, האָט ער אָנגעהויבן שרייען און שפּאָטן און אויפ־ווארפן אים, אז ער האָט ליב זיינע יידן. „אונדזער בירגערמייסטער האָט ליב זיינע יודן!״ ווערנער האָט אים געפרעגט ווו איז ער פריער געווען? און וואָס איז ער עפּעס איצט, נאָך אלעמען געקומען זוכן זיינע יידישע פריינט.

ווען ווערנער האָט שוין אויסגעגאָסן זיין גאנצן שפּאָט אויף קולינסקין האָט ער געעפנט דעם העפט, אין וועלכען די לעבן געבליבענע זענען פארצייכנט געווען.

און האָט אָנגעהויבן זעלבסט צו אונטערזוכן די רשימה. ס׳איז אים אָנגעקומען שווער צו לייענען די פאַרשיידענע נעמען, און יעדעס מאָל האָט ער זיך געפּלאָנ־טערט ביים אויסריידן זיי. נעבן אונדז איז געשטאַנען יוסף־דוד דרעוויאַנסקי, וועלכער איז געווען אַ הויך געבילדעטער מאַן, און האָט געהאט דעם טיטל פּראָפעסאר. ער האָט זיך געווענדעט צו ווערנערן און אים געזאָגט, אז די נעמען זענען מיט זיין האנטשריפט געשריבן, און ער האָט פאָרגעלייגט צו העלפן אים לייענען די נעמען.

„דו האָסט די נעמען געשריבן?״ האָט ווערנער היסטעריש געשריגן. „דו זעלבסט, האָסט געשריבן די נעמען אין דיעזער העפט?״ האָט ווערנער אַ צווייטן מאָל באַטאָנט זיין פראגע. „זאָג מיר, אלזאָ, וואָס ביסטו פון דיין באַרוף? אויב דו האָסט די נעמען געשריבן?״

„איך בין אַ קאַמאַשנמאַכער!״ האָט דרעוויאַנסקי געענטפערט און זיין קול האָט שוין געציטערט, „כ׳בין אַ קאַמאַשנמאכער, אָבער איך קען גוט שרייבן״.

„דו ביסט א קאַמאַשנמאַכער פון באַרוף, און דו ביסט געגאנגען ארבעטן אלס סעקרעטאר אין יודנראַט, דו פאַרשאָלטענער ייד דו האָסט דאָך מיר אָפּגענאַרט!״ ווערנער האָט געשריגן מיט איין היסטעריש ווילדן קול, און שרייענדיק האָט ער אַ הויב געטאָן זיין קאַנטשיק און ווי אַ האָלץ־האַקער, וועלכער לאָזט אראָפּ די האַק פון אויבן אויף אונטן, האָט ער אַ שניט געטאָן מיטן קאַנטשיק איבער יוסף׳ס פּנים. זיין פנים האָבן מיר שוין ניט געקענט זען. אַ רויטען פלעק, פארפלייצט מיט בלוט האָבן מיר נאָר געזען, און ווערנער האָט אַ געשריי געטאָן צום פּאָליציי מאַן, וואס איז געשטאַנען נעבן אונדז:

„יאג אים פון היר, צו דער צווייטער גרופּע יאָג אים שנעל אוועק!״

מיר האָבן געזען ווי דער פּאָליציי מאַן לויפט אין דער ריכטונג פון די פאַר־מישפּטע און פאַר אים שאָקלט זיך קוים אויף זיינע פיס יוסף דרעוויאַנסקי. אזוי האָט ער אים געיאָגט ביז ער האָט אים געבראַכט צו די טויט־גריבער.

ווען ס׳איז געקומען מיין ריי ביים לייענען די נעמען פון די פּאכלייט, האָט מיר ווערנער אַ צווייטן מאָל געפרעגט ווו מיין פאמיליע איז. כ׳האָב אים געענט־פערט ווי פריער אז כ׳האָב קיין פאַמיליע. ווערנער איז איצט געווען ווי אויס־געליידיקט אביסל, נאָך זיין רוצחישע ברענעניש און קאָכעניש, און ער האָט זיך באנוגנט נאָר מיט דער פראגע, אָבער ווען קולינסקי האָט מיט עפּעס געוואָלט מיר באהילפיק זיין, האָט ווערנער אָנגעהויבן שפּאָטן ווי פריער:

„אונדזער בירגערמייסטער מיט זיינען יודען, ער האָט ליב זיינע יודען, אונדזער בירגערמייסטער!״

דאָס זענען געווען די רעאַגירונג־ווערטער פון ווערנערן, און מיט דעם האָט ער זיך באנוגנט.

ווערנער האָט זיך געווענדעט צו אונדז זאָגנדיק, אז מיר אלע וועלכע געפינען זיך אין דיזער גרופע וועלן בלייבן לעבן. ער האָט אונדז געוואָרנט, אז מיר מוזן געהאָרכזאַם זיין און אויספילן יעדן באַפעל, פינקטלעך. אויב מיר וועלן זיך אזוי פירן וועט אונדז קיין שלעכטס ניט טרעפן, אָבער ביטער און שלעכט וועט זיין אונדזער גורל אויב מיר וועלן אריינגעמען וועמען ניט איז אין אונדזער גרופע. מיט אונדזער לעבן וועלן מיר באַצאָלן אויב ער וועט געפינען אז אונדזער גרופע ציילט מער ווי 81 פערזאָן.

ס׳זענען געקומען אייניקע פּאָליציי לייט און האָבן אויסגעשפּרייט אַ קאָץ אויף דער ערד, און האָבן באפוילן אוועקלייגן אויפן קאָץ אלע ווערט־זאַכן וואָס מיר האָבן. דאן האָט מען אונדז דערלויבט זיך זעצן אויף דער ערד, די גויים וואָס זענען געשטאַנען ארום און געקוקט האָבן זיך אָנגעהויבן דערנעענטערן צו אונדז, אלס נייגעריקייט. מיר האָבן שוין דאַן געהערט די שיסערייען און געשרייען פון די טויט־גריבער, וועלכע האָבן זיך געפונען אומגעפער אַ זעקס הונדערט מעטער פון אונדז.

דער טאָג איז געווען אַ שיינער און אַ ווארעמער פרילינגס־טאָג. מיר, פון אונדזער אָרט, האָבן געקענט זען ווו די שחיטה איז פּאָרגעקומען, לויט די פּאַרע וואָס האָט זיך געצויגן אין דער הויך. דאָס איז געווען אַ פּאַרע פון דאָס פּאַרגאָסענע בלוט וואָס די זון האָט צוווארעמט. מער ווי צווי שעה האָט געדויערט די שחיטה פון דער קהילה קדושה זשעלודאָק. ווען זיי האָבן פּארענדיקט זייער בלוטיקן טאַט, האָבן מיר געזען די מערדער, ווי זיי קומען צוריק אין שטעטל. איצט זענען זיי געפאָרן צום רעסטאָראַן, דאָרט האָט מען שוין צוגעגרייט פאר זיי אַ פעטן מאָלצייט. אַ שעה אומגעפער האָבן זיי זיך געפונען אין רעסטאָראַן. ווידער האָבן מיר זיי געזען דורכפּאָרנדיק נעבן אונדז. זייער ציל איז איצטער געווען אונדזער שכנות־דיקע שטעטעלע שטשוטשין, וואס אויך איר שעה איז געקומען, און וועלכע איז שוין אויך געווען ארומגערינגלט דורך שטאַרקע אָפּטיילונגען פון מיליטער און פּאָליציי לייט...

פייבל רוזן

במאור פנים

נמניתי עם חבורת הבחורים — חבורה קטנה בת ששה חברים, אשר יצאה עם הכיבוש הגרמני, מעירם, פאבייאניץ, הסמוכה ללודז׳ ומגמת פניהם היתה מזרחה — אל האיזור של פולין, הכבוש על־ידי הצבא הסובייטי.

לא אספר כמובן כיצד עברנו בסכנות נפשות את הגבול הרוסי ומה התקלות שידענו מעבר לגבול. רוצה אני רק לומר, כי גורלנו הוביל אותנו אל העיירה ז׳לודוק. אליה הגענו על־פי עצתו של יהודי אחד, אשר נקרה לנו בדרכנו ודיבר על לבנו לבוא אל העיירה הזאת, כיון שאין בה ריכוז גדול של פליטים, כמו במקומות אחרים.

שמענו בקולו של אותו יהודי ושמנו את פעמינו לאותה עיירה ששמה ז׳לודוק.

היינו בחורים פליטים חסרי כול, רצוצים בגוף ובנפש וכאן בעיירה הקטנה והנידחה כמו הושב לנו בפתע־פתאום צלם האדם. מאור־הפנים בו נתקבלנו על־ידי יושבי המקום החזיר לנו את ערכנו העצמי. כל אחד מאתנו אומץ על־ידי אחת המשפחות, וניתנה לנו אחיזה ומעמד, לאחר התוהו וההתמוטטות אותם ידענו לפני כן.

אני, שוכנתי בביתה של משפחת גלאי שהיה להם בית־מרקחת בעיירה. האם דבורה היתה לי ממש כאם, והבת קטיה — כאחות. הם דאגו לכל מחסורי. בשיחות הארוכות שהיו בינינו, הייתי שומע תמיד דברי עידוד וניחומים, שנבעו מתוך רצון לנטוע בי מחדש את האמונה והתקוה, שעוד יגיעו ימים טובים. היה זה בית אמידים בהשואה אל שאר בתי העיירה — בית נקי ומסודר, שפסנתר עמד באחד מחדריו והבת קטיה היתה לפעמים מנגנת בו. בית תרבותי, אך לא תרבות מתיהרת ומתנשאת חשתי, אלא תרבות הרצופה טוב של אהבת הבריות. כשלושה חדשים שהיתי במקום, עד שהוכרחתי בשל תקלות שהזמן גרמן לעזוב את העיירה. אך עלי לציין כי נושא אני בקרבי את זכר העיירה ואת זכר בית גלאי באהבה ויקר.

משנודע לי לאחר המלחמה כי גלאי היה ראש־היודנראט בימי הכיבוש הנאצי דאַב משהו בקרבי, שכן הצירוף ראש־היודנראט דיו להדאיב.

התעניינתי לדעת מכל אשר עבר על קהילה קדושה זו, ששמה ז׳לודוק ובכל אלה על משפחת גלאי, אך כל אשר שמעתי מפי העדים החיים רק דברי יקר היו — סופר לי רבות על מסירות נפשו של גלאי, כיצד נשא בימים הקשים ההם בתלאות של הכלל ולמען הכלל, בהסתייעו בקשרים שהיו לו לפני מלחמת־העולם עם הפולנים.

עם כל קדושי העיירה נספתה גם משפחה זו, אשר בביתם ידעתי מאור־פנים, ותהיינה שורותי המעטות ציון לנפשם.

ש. גרלינג

שלמה׳לה שיפמאנוביץ

הוא הגיע לעיירה ז׳טל מן העיירה השכנה ז׳לודוק, לאחר שהגיטו שלה נתחסל בשנת 1942. הוא הצליח לברוח מן השחיטה, גם בשל קלסתר־פניו שאינו יהודי טיפוסי. כיוָן שזר היה במקום הלך שלמה׳לה הצעיר להתגורר בבית־הכנסת. יחף, קרוע־בגדים ורעב היה. לאחר זמן נוספו בבית־הכנסת גם „דיירים" אחרים, פליטי מחנה־העבודה בנובוגרודוק: בנימין יורוש, חיים סלמקה, יוסל ביטנסקי ושפס׳ל — כל אלה פעילים היו לאחר־מכן בפרטיזאנקה. לנו, אנשי „המפקדה הפארטיזאנית" המחתרתית בז׳טל, היה קשר אתם על־ידי חבר אחד ששמו היה פסח פינקלשטיין.

שפס׳ל היה בחור גבה קומה וחזק, פניו רציניים ותקיפים מאד, אולם בשעה שהיה מספר בפני חבריו על אשתו וילדו שניספו היו הדמעות מציפות את עיניו. שלמה׳לה היה מקשיב תמיד לסיפוריו אלה, אך לזוָעות הרי היינו רגילים בימים ההם, והדבר העיקרי אשר הדריך את מנוחתו היה, היכן זה נעלם שפס׳ל, עם שלושת חבריו הנותרים, למשך של לילות שלמים. בלילות מעין אלה היה שלמה׳לה נשאר יחידי בבית־הכנסת הריק והזר, ואגב מחשבות טורדות של נדודי שינה היה שוכב ומחכה לשובם.

„אמור לי", פנה פעם אל שפס׳ל, „כלום ייתכן הדבר? נוהג אתה להזכיר תמיד את אשתך ואת ילדך ויחד עם זאת, יוצא אתה ללילות שלמים לשם בילויים?"

שפס׳ל היה פוטרו בחיוך קל, בבדל־אִמרה. כלום יכול הוא לגלות לו את האמת? פעם אחת יצאו שפס׳ל ויוס׳ל בשליחות „המפקדה" שלהם לכפר קאַשקלי — אל כפרי אחד, פראַניוק שמו, כדי לרכוש אצלו כלי־נשק אחדים. אתם הלך גם אחד בשם ברל מנקוביץ. הדרך לכפר ובחזרה הסתכמה במהלך של 45 קילומטרים, בקירוב. הם יצאו מן הגיטו בשעה 9 בערב וחזרו השכם בבוקר ואתם אוצר שלם. שלושה רימוני־יד, קצת כדורים וכן „אַטרז" (כלומר: רובה מקוצר, המנוסר משני קצותיו, למען אֶפשר יהיה להסתירו ביתר קלות מתחת לבגדים).

את הנשק כבר אי־אפשר היה להביא אל הסליק שלהם, ושפס׳ל הביא את ה„אַטרז" לבית־הכנסת והוא הסתירו בתוך תאו של „עמוד" (שטענדער), בין „השמות" הישנים. שלמה׳לה ראה את כל זה, ובשעה ששפס׳ל נרדם, עיף מן הדרך הארוכה, ניגש שלמה׳לה אל העמוד והחל לחטט בידיו בין „השמות". לאחר־מכן, בשעה ששפס׳ל התעורר משנתו התקרב אליו שלמה׳לה בצעד בישני כלשהו, ואמר לו:

„עכשיו אני כבר יודע, כי אין אתה הולך לסתם ,בילויים' בלילה".

„הה, מה אתה יודע עכשיו יותר מאשר קודם?" שאל אותו שפס'ל בחייכו אליו.

„נו, אני כבר ראיתי בין ,השמות'", השיב שלמה'לה, „כבר ראיתי".

פניו של שפס'ל לבשו חומרה והוא אמר:

„זאטוט שכמותך, אינו צריך להתערב בדברים מעין אלה. שמע נא, אם תעיז להוציא הגה בפני מישהו, רע ומר יהיה אתך, בנת?"

שלמה'לה נשבע בכל היקר והקדוש לו, כי לא יוציא הגה מפיו ויחד עם זאת החל להתחנן:

„קחו גם אותי אתכם, אדרבא, נסו פעם והעמידו אותי במבחן, אני מכיר היטב את הדרכים ואני אעשה כל אשר תטילו עלי, קחו אותי ותיוָכחו".

„נראה, נראה!" משיב כבר שפס'ל תשובה רכה יותר.

הוא מתבונן בפניו של הנער היהודי, שמראהו אינו כשל יהודי ומחשבה עולה בו, כי נער זה עם שערותיו הבהירות והמקורזלות, בהתהלכו יחף, ובבגדיו הקרועים, הן נראה ממש כרועה כפרי צעיר. אכן, אפשר יהיה להסתייע בו לשליחויות שונות, גם לאור היום ואף בדרכים רחוקות. אפשר כי הוא יוכל לבצע מעשי סיור וקשר. יש איפוא להעלות את הענין ולדבר על כך עם האחראים.

שפס'ל דיבר על כך עמי למחרת היום, ואני הסכמתי וביקשתי, כי ישלח אותו אלי. וכך נעשה שלמה'לה איש־סודנו. שקט היה ורציני, צייתני וקונספיראטיבי מאד — והתועלת אשר הפקנו ממנו בפעולתנו המחתרתית היתה רבה. הוא לא הרבה דיבורים, ולא התערב בענינים שאינם שייכים לו — אולם תמיד מילא בהקפדה כל אשר הטלתי עליו.

יום אחד הטלנו עליו שליחות ראשונה ליער. למחרת, כשהוא חזר לגיטו, הוא ניגש אלי והודיע — ודבריו רציניים והחלטיים היו:

„אין אני נשאר בגיטו. אני יוצא ליער. שוב לא אוכל להישאר כאן!"

מה יעשה נער יהודי בודד ביער, הירהרתי בלבי, אולם לא גיליתי בפניו את הרהורי ואמרתי לו:

„לך שלמה'לה, והלואי, כי כוכב טוב ישמוֹר עליך בכל אשר תלך".

והוא הלך.

לימים שמענו, כי הוא משמש את הפרטיזאנים כרועה־הסוסים אשר בארטילריה שלהם. אולם דברים כהוייתם לא ידענו.

לילה אחד, אני כבר הייתי אז ביער, החליטו הפרטיזאנים על מבצע מסוים. במבצע זה הצטרכו להרוס מפעל לספירט, שנמצא באחוזה ז'וקוֹבשצ'ינה. הימים היו ימי הקציר ובחצר האחוזה רוכזו כמויות גדולות של תבואה, שמיועדת היתה להימסר לגרמנים. על האחוזה שמרו גרמנים ושוטרים רוסים־לבנים. נקודת־המפגש

לכל הקבוצות, שהצטרכו לקחת חלק במבצע, היה מקום המרוחק כ־7 קילומטרים מן האחוזה.

שעת־לילה מאוחרת היתה, אל מקום־המפגש החלו להגיע אט־אט הקבוצות ואף הארטילריה הפרטיזאנית. אני שקוע הייתי באיזה שיח־דברים עם חבר אחד. ופתאום קפץ עלי מישהו מן הבאים למקום, והחל לנשקני — שלמה׳לה שיפמנוביץ היה זה.

„מאין הגעת לכאן", שואל אני אותו נרגש, „ואיך זה הכרת אותי בחשיכה?"

„לפי קולך הכרתיך", משיב שלמה׳לה, והוא מספר לי כי משרת הוא בארטילריה של הפרטיזאנים. לא יכולנו להאריך דברים. שעתנו דחוקה היתה. לכל קבוצה נקבע מקום פעולה מסוים. ההתקפה התחילה. ההתנגדות של שומרי האחוזה היתה חלשה ולאחר קרב של שעה בערך נכנסנו אל החצר. השלל שלנו היה ניכר מאד — בעלי־חיים, תבואה, עגלות עם טבק, חביות ספירט, חמאה, גבינה ועוד. כל מה שלא יכולנו להוביל אתנו, השמדנו.

הארטילריה של הפרטיזאנים עמדה כל הזמן במצב הכן. מוכנה להפגיז, במקרה אם תבוא תגבורת של הגרמנים. לאחר שכבר הגענו לשטחים שהיו באורח יחסי בטוחים יותר ונתונים לשלטון הפרטיזאנים הגיעה גם הארטילריה. ברכבם על הסוסים הם השיגו אותנו. שלמה׳לה, כוותיק ומנוסה, היה בין הראשונים. מאותו מבצע היינו נפגשים לעתים קרובות יותר. בחודש יולי 1943 נוסדה יחידה חדשה שתפקידה היה להתקיף את המחנה הגרמני החדש אשר בכפר רודא־יאַוורסקה.

שלמה׳לה נכנס ליחידה זאת כסייר ועד מהרה נתפרסם סייר צעיר זה בין כל הפרטיזאנים. לא היה כמעט מקרה ששלמה׳לה ישוב מן השליחות שהוטלה עליו ללא ידיעות מדויקות, אותן נצטווה להשיג. חיוכו המצודד והלבבי, העליצות הטבעית שלו — אלה סייעו לו להתחבב על הבריות וליצור יחס של אימון אליו בכל אשר הגיע. ואָמנם, מי יכול היה להעלות, כי נער חינני זה הנהו סייר־פרטיזאן. הרבה סייעה לו נגינתו בחליל (שבאה לו בירושה מאביו הכלי־זמר. לא פעם היה מזכיר לי את הקלארנט של אביו, המתגלגל ודאי בין חורבות ביתם בז׳לודוק).

הנה הוא מגיע, למשל, לאחת הבקתות בכפר, בעת שליחותו, והוא מזדמן שם עם הנערים הרועים, אשר שבו הביתה מן המרעה, ועמם החלילים המגולפים מענפי עץ מתאימים, ושלמה׳לה תופס מאחד מהם את „המכשיר" הזה ומתחיל לחלל כאחד משלהם, כרועה מבטן ומלידה. היחסים נעשים כבר ביתיים, קרובים וידידותיים והשיחה נובעת ונובעת ושלמה׳לה כבר יודע לכוון את השיחה לאפיקים החשובים לו, כדי להיוָדע מה שהוא צריך לדעת.

בחודש פברואר, שנת 1944, יצא הוא עם יחידתו לערוך התקפה על הכפר הנזכר

לעיל. במכת־פתע השתלטו הפרטיזאנים וכבשו שלושה בונקרים עם 76 שבויים — שוטרים גרמנים ורוסים־לבנים. אולם שני בונקרים נוספים עמדו והתגוננו בקרב־של־נואשים. אל אשנבי הבונקרים, בעדם שלחו הגרמנים אש מכונות־יריה, התקרבו בזחילה ירחמיאל ליכטר, שהיה מקלען מס׳ 1 ושלמה׳לה שיפמאנוביץ — מס׳ 2. ירחמיאל ליכטר נהרג במקום ושלמה׳לה נפצע קשה בבטנו. בקושי הצליחו להוציאו מן המקום, מתחת לברד הכדורים. הוא הועבר מיד לבית־החולים הפרטיזאני, וכאן הוא הוציא את נשמתו, לאחר שני ימים של סבל ועינויים.

ש. גערלינג

שלמה׳לה שיפמאנאוויטש

געקומען איז ער אין זשעטל פון ניט ווייטן שטעטל זשעלודאָק, נאָך דער ליקווי־דאציע פון דאָרטיקן געטאָ אין יאָר 1942. אים איינעם איז געלונגען צו אנטלויפן צוליב זיין ניט יידישן אויסזען...

אלס פרעמדער, ניט האָבנדיק ווו צו וווינען, איז דער יונגיטשקער שלמה אוועק אין בית־מדרש, אַ באָרוועסער, אַן אָבגעלאָזענער און אַ הונגעריקער — איז ער דאָרטן געשלאָפן. אין אַ צייט ארום האָבן זיך אין בית־מדרש „באזעצט" נאָך פיר פרעמדע בחורים, אַנטלאָפענע פון נאָוואָגרודקער ארבעטס־לאַגער: בנימין יורוש, חיים סלאָמקע, יאָסל ביטענסקי און שעפסל. (אלע אומגעקומען שפּעטער אין דער פאַרטיזאַנקע). מיט זיי האָבן מיר (דער געהיימער „פאַרטיזאנער שטאַב" אין זשעטל) געהאַט אַ פאַרבינדונג דורך אַ געוויסן חבר פסח פינקעלשטיין.

שעפסל, אַ הויכער און געזונטער בחור מיט אַן ערנסטן און שטאָלצן אויסדרוק פון פנים, פלעגט אָפט מיט טרערן אין די אויגן דערמאָנען פאַר זיינע חברים זיין אומגעקומענע פרוי און קינד. — און שלמה׳לע, וואָס האָט ניט איינמאָל צוגעהערט, האָט איין זאַך ניט געקאָנט פאַרשטיין — ווו ווערט עס שעפסל מיט די איבעריקע דריי פאַרפאַלן אויף גאַנצע נעכט ?

ניט קענענדיק איינשלאָפן איינער אַליין אין פוסטן אומהיימלעכן בית־מדרש, פלעגט ער ליגן און וואַרטן אויף זיי.

„זאָגט," פרעגט ער אין דער שטיל שעפסלען, ווען דער קומט צוריק, — „איר רעדט שטענדיק וועגן פרוי און קינד. — און אויף גאַנצע נעכט גייט איר אוועק פארברענגען ?"

שעפסל פטר׳ט אים אָפּ מיט אַ שמייכל, מיט אַ האַלב וואָרט. קען ער אים דען דעם אמת דערציילן ?...

איינמאָל זענען שעפסל מיט יאָסלען אַוועק אין שליחות פון „שטאַב" אין דאָרף קאַשקאַלי צו אַ געוויסן פויער פראַניוק קריגן עטלעכע שטיקלאַך געווער. מיט זיי איז אויך געגאַנגען בערל מאַנקאָוויטש. דער וועג אהין און צוריק האָט אויסגעמאַכט אַרום 45 ק״מ. ארויס זענען זיי פון געטאָ 9 אזייגער איך אָוונט און אומגעקערט זיך פאַרטאָג מיט אַ גאנצן אוצר: 3 האַנט גראַנאַטן, א ביסל קוילן

און אַן „אַטרעז״ (ד.ה. אַביקס אַן אַפּגעשניטענע פוןביידע עקן, כדי לייכטער זי קענען פאַרמאַסקירן אין דעם אַנטאָן).

דאָס געוווער האָט מען שוין ניט געקאָנט אַוועקלייגן אויף דעם באַשטימטן אָרט, האָט שעפּסל דעם „אַטרעז״ מיטגענומען מיט זיך אין בית־מדרש און אים פאַרבאַהאַלטן אין אַ שטענדער, צווישן אַלטע „שמות״. שלמה׳לע האָט עס באַמערקט, און ווען שעפּסל האָט זיך צוגעלייגט און אַ מידער איינגעשלאָפן, האָט דער קליינער שטילערהייט זיך צוגעשאַרט צום שטענדער און מיטן הענטל אָנגע־הויבן גראַבלען צווישן די „שמות״... שפּעטער, אַז שעפּסל איז אויפגעשטאַנען, גייט ער צו צו אים און זאָגט פאַרשעמט:

„איצט ווייס איך שוין, אַז איר גייט ניט „גולאַיען״...

„וואָס ווייסטו איצט מער ווי פריער?״ פרעגט שעפּסל מיט אַ שמייכל.

„איך האָב שוין געזען צווישן די ‚שמות׳״...

שעפּסל ווערט מיטאַמאָל ערנסט: „אַזאַ קליינער ווי דו דאַרף זיך ניט מישן אין אַזעלכע זאַכן! לאָמיר זען, זאָלסט עמיצן אַ וואָרט דערציילן! שלעכט וועט זיין מיט דיר, הערסט?

שלמה׳לע שווערט זיך ביים הייליקסטן, אַז ער וועט קיינעם גאָרניט זאָגן, און ער בעט זיך:

„נעמט מיך מיט אייך, ווו איר גייט. אדרבא, פּרוווט מיך אויס, איך קען גוט די וועגן. איך וועל אַלץ טאָן, וואָס איר וועט מיר הייסן. איר וועט מיך מיטנעמען?״

„מיר׳ן נאָך זען,״ ענטפערט שוין שעפּסל ווייכער.

ער קוקט אויף דעם קליינעם יידיש יינגעלע מיטן גויישן אויסזען און קלערט ביי זיך: מיט זיינע געקרייזלטע הערעלעך, אַ באָרוועסער און אַן אָבגעריסענער, זעט ער אויס ווי אַן אמת׳ער פּאַסטוכל... ער וועט קענען גיין אין אַ שליחות אויף בייטאָג. גיין ווייטערע וועגן. אָנהאַלטן פאַרבינדונגען. מ׳דאַרף וועגן דעם איבער־רעדן.

איבערגערעדט האָט שעפּסל וועגן דעם ענין מיט מיר גלייך אויפן צווייטן טאָג. „גוט״, זאָג איך, „שיק אים אריבער צו מיר״...

און אזוי איז שלמה׳לע געוואָרן אונדזערער אַ פּאַרטרוויונגס חבר. אַ שטילער, אַן ערנסטער, אַ געהאָרכזאַמער און זייער אַ קאָנספּיראַטיווער, האָט ער אונדז אַ סאַך נוצן געבראַכט אין אונדזער אונטערערדישער אַרבעט. ניט פיל גערעדט, ניט געטומלט און ניט געמישט זיך אומעטום — האָט ער שטענדיק גענוי אויס־געפירט דאָס, וואָס איך האָב אים געהייסן.

אַ געוויסן טאָג איז ער געשיקט געוואָרן צום ערשטן מאָל אין וואַלד מיט

אַ שליחות. אויפן אנדערן טאָג, אַז ער איז צוריקגעקומען אין געטאָ, רופט ער זיך אָן צו מיר מיט פולער ערנסט און דעצידירטקייט:

„איך בלייב דאָ ניט מער, איך גיי אין וואַלד... איך וועל דאָ ניט ווייטער זיין.״ —

וואָס וועט אַזאַ יינגל טאָן אין וואַלד? טראַכט איך ביי זיך.

אָבער אויף אַ קול זאָג איך: „גיי — און זאָל אַ גוטער שטערן דיך פירן!״

און ער איז אַוועק.

געהערט האָבן מיר שפעטער, אַז ער איז געוואָרן אַ פאַסטוך, ער פאַשעט די פערד וואָס געהערן צו דער ארטילעריע, אָבער ווי ווייט עס איז אמת האָבן מיר ניט געוווּסט.

אין אַ געוויסער נאַכט — איך בין שוין דעמאָלט געווען אין וואַלד — איז אונטערגענומען געוואָרן דורך די פאַרטיזאַנער אַ גרעסערע אַקציע. מען האָט געדאַרפט צעקלאַפּן אַ גרויסן ספּירט־זאַוואָד, וועלכער האָט זיך געפונען אויף אַ הויף אין מאַיאָנטעק זשוקאָווטשיזנע. עס איז געווען די צייט פון שניט און אין הויף איז אָנגעזאַמלט געוואָרן אַ סאך תבואה, וואָס האָט געזאָלט אָפּגעליפערט ווערן די דייטשן. דער הויף איז באוואכט געווען פון דייטשן און ווייס־רוסישער פּאָליציי. זיבן קילאָמעטער ווייט פון הויף איז באַשטימט געוואָרן דער טרעף־פונקט פון אלע ראָטעס, וועלכע האָבן געדאַרפט אָנטייל נעמען אין דער אויפגאבע.

עס איז געווען שפּעט ביינאַכט. צום זאַמלפּונקט זענען ביסלעכווייז אנגעקומען די ראָטעס. עס האָט זיך שוין אויך דערנענטערט די אַרטילעריע. איך בין געווען פאַרשמועסט מיט מיינעם אַ חבר און פּלוצים פאַלט אַרויף אויף מיר איינער און הויבט מיך אָן קושן. שלמה׳לע שיפּמאַנאָוויטש.

„ווי האָסטו זיך אַהער גענומען?״ פרעג איך אים, „און ווי האָסטו מיך אין דער פינצטער דערקענט, הא?״

אין קול, זאָגט ער, האָט ער מיך דערקענט, און ער דערציילט מיר, אז ער געפינט זיך אין דער אַרטילעריע, אין דער פאַרטיזאנער־אַרטילעריע... לאַנג רעדן האָבן מיר ניט געהאַט קיין צייט. יעדע גרופּע האָט פאַרנומען אַ פּאָזיציע אויפן פאַר איר אָנגעצייכנטן שטח — דער אָנגריף האָט זיך אנגעהויבן. דער ווידערשטאנד פון שונא איז געווען אַ שוואַכער און נאָך א שעה׳דיקן קאַמף זיינען מיר אריין אין הויף. די טראָפייען אונדזערע זענען געווען באַדייטנדע: לעבעדיקער אינווענטאַר, תבואה, וועגענער טאַבאַק, פעסער ספּירט, פוטער, קעז א.א.וו. וואָס ס׳איז ניט מעגלעך געווען מיטצונעמען מיט זיך האָבן מיר פאַרניכטעט.

די גאנצע צייט איז די אַרטילעריע געשטאַנען גרייט — אַ דריי קילאָמעטער ווייט פון אונדז — מיט אָפענע לופעס צום שיסן, אין פאַל פון אָנקום פון דייטשישע רעזערוו־כוחות.

ווען מיר זענען שוין געווען אין פאַרהעלטניסמעסיקע זיכערע פאַרטיזאַנער געביטן, — איז אויך די אַרטילעריע אונטערגעקומען. רייטנדיק אויף די פערד האָבן זיי אונדז אָנגעיאָגט. שלמה׳לע שיפּמאַנאָוויטש ווי אַן אַלטער אַרטילעריסט, האָט געריטן צווישן די ערשטע... פון יענעם טאָג אָן פלעגן מיר זיך אָפטער טרעפן. אין יולי 1943 איז געגרינדעט געוואָרן אַ נייער אַטריאַד, וועמענס אויפגאַבע צווישן אַנדערע איז געווען צו בלאָקירן דעם ניי אויפגעשטעלטן דייטשישן גאַר־ניזאָן אין דאָרף רודאַ־יאַוואָרסקאַ.

שלמה׳לע איז צוגעטיילט געוואָרן צום דאָזיקן אַטריאַד אַלס אויסשפּירער. און באַלד איז דער קליינער „ראַזוויעדטשיק" פּאָפּולער געוואָרן צווישן אלע פּארטיזאנער. ניט געווען דער פאַל ער זאָל זיך אומקערן פון אַ שליחות אָן גענויע ידיעות וועגן דעם, צוליב וואָס ער איז געשיקט געוואָרן. מיט זיין פריילעכקייט, מיט זיין קינדעריש־האַרציקן שמייכל — האָט ער באַוויזן באַליבט זיך צו מאַכן אומעטום, און געפינען צוטרוי צו זיך, ווו ער איז נאָר געקומען. וועמען זאָל עס איינפאלן — אַז דאס איז גאר אן אויסשפּירער?... אַ סאך האָט אים געהאָלפן זיין שפּילן אויף אַ פויאַרקע. אן אייגענשאַפט וואס איז אים געקומען בירושה פון זיין טאטן דעם כליזמר. ניט איין מאָל פלעגט ער מיט צער דערמאָנען דעם טאַטנס קלאַרנעט, וואָס וואַלגערט זיך מסתמא צווישן די חורבות פון זשעלודקער געטאָ.

